בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַּארְ'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

**תשפ"ז**

415

## לשליחת מכתבים ושאלות
## אל הראש ישיבה שליט"א

**בדואר:**

MECHON ATZUSOI EMINU
PO BOX: 646
LIBERTY, NY 12754-9998

**או דרך:**

HTTPS://BRESLEVCENTER.COM/ANSWERS

**להרשמה לקבלת המכתב היומי במייל:**

CHIZIKYOMI@RABBIROTH.ORG

## להשתתפות וליטול חלק

בקונטרסים השבועיים או בשאר ספרי
המכון, המאירים את בתיהם
של אלפי יהודים

התקשרו אל הגבאי
מוה"ר **משה גראס** שליט"א
053-316-3399

בארה"ב ניתן להתקשר אל הגבאי
מוה"ר **לייבי ראטה** הי"ו
347-578-4449

או שלחו מייל לכתובת
DONATE@KERENHADFUSA.ORG

הוצאת ספרי רבינו זכותו יגן עלינו
מכון עצתו אמונה

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

דִי מַאמֶע זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער אַנְדֶערְש פוּנֶעם טַאטְן?..............................א

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען גֶעבְּן קִינְדֶער ..............................א

מַאכְן אַ חֶבְרַת מְפִיצִים אִין דַיין שְׁטָאט ..............................ב

אַ מְלַמֵד זָאל דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים..............................ג

אַ קִינְד וִוי אַלֶע קִינְדֶער, קֶען אוֹיסְוַואקְסְן גָאר גְרוֹיס..............................ג

אִיךְ וִויל נִישְׁט זַיין שוּלְדִיג פַאר קֵיינֶעם קֵיין פְּרוּטָה ..............................ד

נִישְׁט וֶוערְן אַרַיינְגֶעדְרֵייט אִין מַחֲלֹקֶת..............................ה

דַאנְקֶען אוּן דַאנְקֶען, נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ דַאנְקֶען ..............................ז

כַאפּ זִיךְ אָן אִין צְוֵויי שְׁטְרִיקְן נִישְׁט אַרָאפְּצוּפַאלְן ..............................ז

רֶעד נַאטִירְלִיךְ בַּיי דַיינֶע אִינְטֶערְוְויוּס, מַאךְ נִישְׁט נָאךְ יֶענֶעם..............................ח

זַיי מְכַבֵּד דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער ..............................ט

פַארְלֶעשׁ דַיין טֶעלֶעפָאן, פַארְבְּרֶענְג מִיט דַיין וַוייבּ ..............................י

דִי גִיפְטִיגֶע כֵּלִים, צִיפְן מִיר בַּיים הַאְרְץ ..............................יא

דֶערְמַאנֶען דִי מְלַמְדִים וָואס אוּנְזֶער צִיל אִיז ..............................יב

פָאר נִישְׁט אַוֶועק, אֲפִילוּ דַיין וַוייבּ אִיז מַסְכִּים..............................יג

הֶעלְפְן "בֵּית פֵיגָא" אִיז דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע זַאךְ ..............................יד

וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען קְלֵיין, רֶעד צוּ זֵיי פוּן קְדוּשָׁה .............................. טו

לִיבּ הָאבְּן זִיךְ אַלֵיין ............................................................ טו

חֲנוּכָּה אִיז דִי צַייט אָפְּצוּלָאזְן דִי שְׁלֶעכְטֶע וֶועגְן ........................ טז

עֶסְן בַּיי דִי חֲנוּכָּה לֶעכְט? .................................................. יז

בַּאנֵיי זִיךְ ....................................................................... יח

דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן חֲנוּכָּה אִיז פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם ......................... יט

זִיךְ צוּרִיק בַּאנֵייעֶן מִיט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה ......................... כ

דָאס גֶעבְן גוּטֶע וֶוערְטֶער, בְּרֶענְגְט דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ .................. כא

אַ תְּפִלָּה פַאר בָּחוּרִים צוּ בֶּעטְן בַּיי דִי חֲנוּכָּה לֶעכְט ........................ כב

"אֶלָּא לְהַדְלִיק יוֹם אֶחָד", טְרַאכְט פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג .................... כג

דִי צַדִיקִים הָאבְּן גֶעהַאט שְׁרֶעקְלִיכֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת ...................... כד

אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט וִוי מֶען דַארְף זֵיי נִישְׁט ..................... כו

דוּ קֶענְסְט אוֹיךְ זַיין אַ צַדִיק ........................................................ כח

שׁוֹין צַייט אָפְּצוּלָאזְן דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה .............................. כט

וואוּ דַארְף מֶען זַיין שַׁבָּת חֲנוּכָּה? ...................................................... ל

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## דִי מַאמֶע זָאגְט פַּאר דִי קִינְדֶער אַנְדֶערְשׁ פוּנֶעם טַאטְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁאֵלָה אִין שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ אִיךְ טוּ רִיכְטִיג. אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוַואקְסְן מִיט גֶעווִיסֶע זַאכְן וָואס מֶען אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג בַּיי דֶעם, אוּן מַיין מַאן אִיז נִישְׁט אַזוֹי מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם, אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ בַּאהַאנְדְל דָאס אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג.

צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אִיךְ וֵוייס אַז אַ קִינְד גֵייט אֵייבִּיג אוּן אַלֶעמָאל מִיטְן קַאפְּל אוֹיפְן קָאפּ, אוּן וֶוען מַיין מַאן בָּאדְט דִי קִינְדֶער אִיז עֶר נִישְׁט אַזוֹי מַקְפִּיד אָנְצוּטוּן גְלַייךְ דֶעם קַאפְּל דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ, אוֹיךְ בַּיים אָנְטוּן דִי קִינְדֶער נַאכְט קְלֵיידֶער קֶענֶען זֵיי זִיךְ דֶעמָאלְט אַרוּמְדְרֵייעֶן אָן אַ קַאפְּל. אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט עֶס אִיבֶּערְצוּשְׁמוּעֶסְן אֵיינְמָאל מִיט מַיין מַאן שֵׁיינֶערְהֵייט, עֶס הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן פַּאר דִי קִינְדֶער אַלֵיין אַז מֶען מוּז אַלְץ הָאבְּן דֶעם קַאפְּל אוֹיפְן קָאפּ, זֵיי זָאגְן מִיר אָבֶּער אַז 'טַאטִי זָאגְט אַז מֶען דַארְף נִישְׁט'.

אִיךְ הָאבּ בַּאשְׁלָאסְן אַז אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט רֶעדְן וֶועגְן דֶעם, אִיךְ טְרַאכְט אַז כְּדֵי דִי קִינְדֶער זָאלְן קֶענֶען אוֹיפְוַואקְסְן נָארְמַאל אוּן עֶרְלִיךְ, מוּז זַיין שָׁלוֹם בַּיִת אִינְדֶערְהֵיים, הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט רֶעדְן וֶועגְן דֶעם.

אֵיין טָאג נָאכְן בָּאדְן דִי קִינְדֶער, זֶע אִיךְ ווִי דִי קִינְדֶער טַאנְצְן אַרוּם אָן דִי וֶועשׁ, אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁטַאנֶען אַז מַיין מַאן הַאלְט נִישְׁט אַז עֶס אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם, הָאבּ אִיךְ זֵיי שׁוֹין גָארְנִישְׁט גֶעוָואלְט זָאגְן וֶועגְן דֶעם, אִיךְ זֶע אַז עֶס הֶעלְפְּט סַיי ווִי נִישְׁט, וַוייל מַיין מַאן אִיז

נִישְׁט מִיט מִיר אִין אֵיין מֵיינוּנְג אִיבֶּער דֶעם, אוּן אִיךְ וִויל נִישְׁט דִי קִינְדֶער זָאלְן וֶוערְן צֶעמִישְׁט צְווִישְׁן טַאטִי אוּן מַאמִי, אַז מַאמִי אִיז דִי פְרוּמֶע.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין טַעֲנוֹת אוֹיף מַיין מַאן, אִיךְ טוּ אוֹיךְ זַאכְן וָואס עֶר גְלַייבְּט נִישְׁט, אִיךְ וִויל נָאר וִויסְן וָואס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן אִין אַזֶעלְכֶע פֶעלֶער, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט אוּן עֶרְלִיךְ.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

וֶוען אִיר זֶענְט מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי זָאגְן אַייךְ אַז ׳טַאטִי זָאגְט מֶען דַארְף נִישְׁט׳, ׳טַאטִי לָאזְט׳ - זָאלְט נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין וִיכּוּחִים מִיט זֵיי, זָאגְט זֵיי וַוייטֶער וָואס אִיז רִיכְטִיג, זָאגְט זֵיי: "דוּ בִּיסְט אַ ווּאוֹילֶע זִיסֶע קִינְד, אוּן טוּ וָואס מַאמֶע זָאגְט דִיר".

דָאס אִיז קְלָאר אַז מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט זָאגְן פַאר קִינְדֶער: "טַאטֶע קֶען נִישְׁט קֵיין הֲלָכוֹת, טַאטֶע אִיז אַן עַם הָאָרֶץ, טַאטֶע אִינְטֶערֶעסִירְט נִישְׁט דִי חִינוּךְ", (אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז בֶּאֱמֶת אַזוֹי), דָאס אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ, נָאר וַוייטֶער זָאגְן וָואס אִיז רִיכְטִיג, אוּן אַז מֶען דַארְף פָאלְגְן וָואס אַ מַאמֶע זָאגְט.

דָאס אִיז דִי וֶועג בַּיי קִינְדֶער וֶוען מֶען אִיז זֵיי מְחַנֵךְ, זֵיי זוּכְן זִיךְ תֵּירוּצִים נִישְׁט צוּ דַארְפְן טוּן וָואס מֶען הֵייסְט זֵיי, לְמָשָׁל וֶוען דֶער מְנַהֵל זָאגְט זֵיי עֶפֶּעס צוּ טוּן, וֶועלְן זֵיי זָאגְן ׳דֶער מְלַמֵד לָאזְט יָא׳, אוּן וֶוען דֶער מְלַמֵד זָאגְט עֶפֶּעס צוּ טוּן, זָאגְן זֵיי ׳דֶער מְנַהֵל הָאט גֶעזָאגְט מֶען מֶעג׳, אוּן אַז דֶער מְנַהֵל אוּן דֶער מְלַמֵד זֶענֶען נִישְׁט שְׁטַארְק מִיט זִיךְ אוּן מִיט וָואס זֵיי זָאגְן, פַאלְן זֵיי פַאר דִי קִינְדֶער; דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אִין שְׁטוּבּ, פַאר דִי טַאטֶע זָאגְט מֶען: "מַאמִי לָאזְט!" אוּן פַאר דִי מַאמֶע זָאגְט מֶען: "טַאטִי לָאזְט!"

עֶלְטֶערְן דַארְפְן וִויסְן, וֶוען קִינְדֶער וִוילְן עֶפֶּעס פּוֹעֵל'ן, זֵיי וִוילְן גֵיין עֶרְגֶעץ, גֵייעֶן זֵיי פְרֶעגְן אֵיינֶע פוּן דִי עֶלְטֶערְן, לְמָשָׁל דִי מַאמֶע, אוּן אַז דִי

מַאמֶע זָאגְט: "פְּרֶעג טַאטִי" - וֶועלְן זֵיי קוּמֶען פְרֶעגְן מִיט אַ חָכְמָה, זֵיי וֶועלְן נִישְׁט קוּמֶען מִיטְן אֱמֶת, זֵיי וֶועלְן זָאגְן: "מַאמִי זָאגְט אַז זִי לָאזְט, אָבֶּער זִי ווִיל מֶען זָאל אוֹיךְ פְּרֶעגְן טַאטִי", אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, וַוייל דִי מַאמֶע הָאט בְּסַךְ בְּכָל גֶעזָאגְט "פְּרֶעג טַאטִי"; אִיז דֶער טַאטֶע אַ שְׁטַארְקֶער, אַ קְלוּגֶער זָאגְט עֶר זַיין מֵיינוּנְג וָואס אִיז רִיכְטִיג; אִיז עֶר מִיד, אָדֶער שְׁוַואךְ, זָאגְט עֶר: "אֲהַהַא מַאמִי לָאזְט, אִיךְ לָאז אוֹיךְ"; לוֹיפְן זֵיי צוּרִיק צוּם מַאמֶען זָאגְן אַז טַאטֶע הָאט גָאר גֶעהֵייסְן מֶען זָאל גֵיין וְכוּ'.

זַייט וַוייטֶער מְחַנֵךְ אַייעֶרֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין אֵיידְל, זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן וֶוען זֵיי זָאגְן אַייךְ אָבֶּער טַאטֶע אַהֶער אוּן טַאטִי אַהִין - קֶענְט אִיר זֵיי גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל אוּן וַוייטֶער פַארְלַאנְגֶען וָואס אִיז רִיכְטִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען גֶעבְּן קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן עח): ״קֵיין יֵאוּשׁ אִיז נִישְׁט פַאְרְהַאנֶען״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַ כֹּל יָכוֹל, עֶר קֶען גֶעבְּן קִינְדֶער, אֲפִילוּ וֶוען דָאקְטוֹירִים זָאגְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְּן קִינְדֶער - קֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן קִינְדֶער, מֶען דַארְף נָאר זַיין שְׁטַארְק מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, אָנְגֵיין מִיט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם מִיט שִׂמְחָה אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, נִישְׁט הָאבְּן קֵיין פִּינְטֶעלֶע טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז אַלֶעס פִירְט זִיךְ מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכֶע חֶשְׁבּוֹן. מִיר זֶענֶען שׁוֹין אַלֶע דָא גֶעוֶוען, אוּן וֶוער וֵייסְט וִויפִיל מָאל מִיר זֶענֶען שׁוֹין דָא, דִי וִויפִילְטֶע גִלְגוּל.

עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס וֶועגְן, מִיר דַארְפְן טוּן וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט, מִיר דַארְפְן מִתְפַּלֵל זַיין זוֹכֶה זַיין צוּ בְּרֶענְגֶען דוֹרוֹת אוּן אוֹיךְ בְּרֶענְגֶען דִי עֶכְטֶע דוֹרוֹת. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין קִינְדֶער אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט דֶעם רֶבִּי׳ן פַאר אַ בְּרָכָה אוּן הַבְטָחָה, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רנג): ״וָואס פַארְפִירְסְטוּ אַזוֹי? אַוַודַאי אִיז גוּט צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, אָבֶּער דִי קִינְדֶער אִיז דָאס דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, (אַגַב, פוּן דֶעמָאלְט הָאט דֶער אִיד מֶער נִישְׁט גֶעבֶּעטְן אוּן נִישְׁט גֶעמוּטְשֶׁעט, בִּיז אֵיין מָאל הָאט אִים דֶער

רֶבִּי גֶעזָאגְט: "בְּרֶענְג מִיר הוּנְדֶערְט רוּבְּל", נִישְׁט קֵיין זִילְבֶּערְנֶע, נָאר דִי פָּשׁוּטְ'עֶ רוּבְּל, אוּן עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ בֵּן זָכָר), וִיהִי רָצוֹן דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ בֵּן זָכָר אוּן אִים מְגַדֵּל זַיין לְתוֹרָה וּלְחֻפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים, אָמֵן.

...

## מַאכְן אַ חֶבְרַת מְפִיצִים אִין דַיין שְׁטָאט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, לֶעיקְוָואד**

אַז דוּ גֶעפִינְסְט זִיךְ אִין לֶעיקְוָואד אִיז דָאס נָאר אַז דוּ זָאלְסְט מְקָרֵב זַיין דָארְט בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, דוּרְךְ זֵיי גֶעבְּן פוּן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת, וַוייל דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים הָאבְּן אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז אַ אִיד קוּמְט אָן אוֹיף אַ פְּלַאץ נָאר צוּ מַעֲלָה זַיין דִי נִיצוֹצוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹיפִיל בָּחוּרִים אוּן אַבְרֵכִים דַארְפְן חִיזּוּק, זֵיי וַוארְטְן אֵיינֶער זָאל זֵיי וַוייזְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי זֵיי קֶענֶען זִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ דִי תּוֹרָה, אוּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מַאךְ אַ חַבוּרָה פוּן אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים, שְׁפְּרֵייט אַייךְ אוֹיס אִין אַלֶע שׁוּלְן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי גִּלְיוֹנוֹת, סַיי אִין אִידִישׁ, סַיי אִין עֶנְגְלִישׁ, סַיי פַאר חִינוּךְ, סַיי פַאר שָׁלוֹם בַּיִת, טֶערָאפִּי, אוּן אַז דוּ וֶועסְט מַאכְן אַ חֶבְרַת מְפִיצִים וֶועל אִיךְ קוּמֶען צוּ עֶנְק, וַוייל דָאס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט, מִיר זָאלְן עוֹסֵק זַיין נָאר אִין הֲפָצָה, אִין "אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער".

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר.

...

## אַ מְלַמֵּד זָאל דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד פַאר תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, דוּ לֶערְנְסְט מִיט זֵיי תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט יֶעדְן טָאג דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז קְלָאר גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קלח), אַז דֶער עִיקָּר וָואס עֶס הָאט אִים גֶעצוֹיגְן צוּ וֶועלְן זַיין אַ צַדִּיק, אִיז גֶעוֶוען דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט זֵייעֶר אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, וַוייל דֶער רֶבִּי אִיז אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין דִי הוֹיז פוּן זֵיידְן, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן דָארְט זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַלֶע צַדִּיקִים, אַלֶע זֶענֶען גֶעקוּמֶען קַיין מֶעזִיבּוּז צוּם צִיּוּן פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אוּן זֵיי זֶענֶען דָארְט אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען, דָארְט הָאט עֶר גֶעהֶערְט זֵייעֶר אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת, אוּן דָאס הָאט אִים דֶערְוֶועקְט עֶר זָאל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִּיק.

קֶענְסְט אוֹיסְשְׁטֶעלְן דֶעם טָאג, אָנְצִיעֶן דִי קִינְדֶער, אַז אוֹיבּ וֶועט מֶען פְלַייסִיג לֶערְנֶען אוּן פְלַייסִיג דַאוֶוענֶען - וֶועט מֶען דֶערְצֵיילְן נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה.

...

## אַ קִינְד וִוי אַלֶע קִינְדֶער, קֶען אוֹיסְוַואקְסְן גָאר גְרוֹיס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ה׳ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

בַּיים לֶערְנֶען מִשְׁלֵי הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט, עֶס קֶען זַיין דָאס אִיז פְּשַׁט, עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי ד, ג): ״כִּי בֵן הָיִיתִי לְאָבִי״, אַ בַּאלִיבְּטֶער זוּן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען צוּ מַיין פָּאטֶער, ״רַךְ״, גֶעצֶערְטְלְט, ״וְיָחִיד לִפְנֵי אִמִּי״, אוּן אֵיינְצִיג פַאר מַיין מַאמֶע; דֶער רֶבִּי זָאגְט, מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען אַז דָאס וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מַדְרֵיגוֹת גְּדוֹלוֹת אִיז וִויל עֶר אִיז אַן אֵיינִיקְל פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אָדֶער מִצַּד זַיין הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, אוּן דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין יִחוּס

וְכוּ׳ - קֶען נִשְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק; דָאס אִיז אַ טָעוּת, וַוייל יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען צוּ דֶעם זוֹכֶה זַיין, אוּן עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת דוּרְךְ יְגִיעוֹת וְטִרְחוֹת, עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְּלָאגְט אוּן גֶעהָארֶעוֶועט זֵייעֶר אַסַאךְ.

דָאס זָאגְט אוּנְז דֶער פָּסוּק, מֶען זָאל נִשְׁט מֵיינֶען אַז דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים זֶענֶען גֶעבּוֹירְן צַדִיקִים, זֵיי הָאבְּן נִשְׁט גֶעהַאט קֵיין שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, "כִּי בֵן הָיִיתִי לְאָבִי", אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ בַּאלִיבְּט קִינְד, "רַךְ", צַארְט, "וְיָחִיד לִפְנֵי אִמִּי", אוּן אֵיינְצִיג פַּאר מַיין מוּטֶער, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קִינְד וִוי אַלֶע קִינְדֶער, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט נִסְיוֹנוֹת אַזוֹי וִוי אַלֶע, נָאר אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן אַסַאךְ גֶעהָארֶעוֶועט; אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס וֶועט הָארֶעוֶוען, יֶעדֶער וָואס וֶועט נִשְׁט אָפְּלָאזְן דִי גוּטֶע וִוילְן - וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶע צַדִיק, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

עוֹד יֵשׁ לוֹמַר, אַז מֶען גֵייט אַרוּם מִיט דִי מַחֲשָׁבָה "כִּי בֵן הָיִיתִי לְאָבִי", אַז מֶען אִיז אַ בַּאלִיבְּט קִינְד פַּארְן טַאטְן אִין הִימְל, מֶען לֶעבְּט מִיט דִי מַחְשָׁבָה אַז אֲפִילוּ וָואס עֶס זָאל נָאר זַיין מִיט מִיר הָאט מִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, "רַךְ וְיָחִיד לִפְנֵי אִמִּי", אֵיינְצִיג פַּאר מַיין מַאמֶע; דָאס מֵיינְט מֶען כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

...

### אִיךְ וִויל נִשְׁט זַיין שׁוּלְדִיג פַּאר קֵיינֶעם קֵיין פְּרוּטָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִשְׁלַח, י"ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַ בְּרִיוו פוּן אֵיינֶעם, עֶר טַעֲנָה׳עֶט אַז מִיר זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן שׁוּלְדִיג גֶעלְט פַּאר דֶעם ... רַב וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעדִינְגֶען זַיין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אִין בָּארָא פַּארְק דִי עֶרְשְׁטֶע יָאר וֶוען דִי יְשִׁיבָה אִיז גֶעשְׁטַאנֶען שְׁנַת תשס"ט, דֶעם זוּמֶער זְמַן; עֶר טַעֲנָה׳עֶט אַז מִיר הָאבְּן גֶעשְׁרִיבְּן אַ קָאנְטְרַאקְט אַז מִיר גֵייעֶן דָארְט זַיין אַ גַאנְצֶע יָאר, אוּן לְמַעֲשֶׂה זֶענֶען מִיר אַרוֹיס פוּן

דָארְט נָאךְ אַ הַאלְבֶּע יָאר, מִיר הָאבְּן גֶעבְּרָאכְן דִי קָאנְטְרַאקְט אוּן מִיר קוּמֶען אִים גֶעלְט.

אִיךְ גֶעדֶענְק נִישְׁט אַז מִיר קוּמֶען אִים גֶעלְט, אִיךְ גֶעדֶענְק אַז מִיר הָאבְּן גֶעמוּזְט אַוֶועק גֵיין פוּן דָארְט וֶוען דִי שְׁכֵנִים פוּנֶעם בִּנְיָן זֶענֶען גֶעקוּמֶען פְּרָאטֶעסְטִירְן, דִי פְּרוּוְיֶען זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין שׁוּל אוּן גֶעשְׁרִיגְן מִיר זָאלְן פַארְלָאזְן דִי פְּלַאץ, אוּן דֶעמָאלְט זֶענֶען מִיר אַוֶועק פוּן דָארְט. אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט מְבַרֵר זַיין דִי מַעֲשֶׂה, אִיךְ ווִיל גֵיין מִיט אִים צוּ אַ רָב, אוּן דֶער רָב זָאל זָאגְן אוֹיבּ מִיר דַארְפְן אִים בַּאצָאלְן; אִיךְ ווִיל נִישְׁט זַיין שׁוּלְדִיג פַּאר קֵיינֶעם קֵיין אֵיין פְּרוּטָה, חוּץ מִזֶּה וָואס מִיר דַארְפְן זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן ווַייל מִיר טְרָאגְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס נָאמֶען.

דָא הָאסְטוּ דִי בְּרִיווּ מִיט דִי פְּרָטִים; לָאז מִיר ווִיסְן וָואס אִיז דִי דִין תּוֹרָה אוּן אַזוֹי וֶועל אִיךְ טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט וֶוערְן אַרַיינְגֶעדְרֵייט אִין מַחֲלֹקֶת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ג כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ**

נָאכְן רֶעדְן מִיט עֶנְק אוּן הֶערְן אַלֶע אֵיינְצֶעלְהֵייטְן פוּן דִי פַּרְשָׁה וָואס גֵייט פָּאר בַּיי עֶנְקֶערֶע עֶלְטֶערְן; דִי וֵוייטָאג אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, סְפֶּעצִיעֶל בַּיי דִי קִינְדֶער, וָואס זֶעעֶן ווִי עֶס גֵייט צֶעפַאלְן דִי שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה, דִי גֶעפִילְן וֶוערְן אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, דִי גֶעפִילְן זָאגְן טוּ דָאס, מַאךְ יֶענְץ וְכוּ׳ וְכוּ׳; אִין אַזַא פַאל דַארְף מֶען זִיךְ הִיטְן אוּן נִישְׁט טוּן קֵיין אִיבֶּערְגֶעאַיילְטֶע זַאכְן, וָואס קֶען גוֹרֵם זַיין נִישְׁט קֵיין גוּטְס.

וָואס יָא? מֶען דַארְף אוֹיסְהֶערְן אוּן מֶען דַארְף מְחַזֵּק זַיין, בִּפְרַט אִין דֶעם פַאל זָאלְן עֶנְק אוֹיסְהֶערְן דִי מַאמֶע אוּן אִיר מְחַזֵּק זַיין, אָבֶּער נִישְׁט טוּן עֶפֶּעס מֶער, אוֹיךְ אִיז ווִיכְטִיג צוּ דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן עֶר זָאל

הֶעלְפְן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם, און זָאגְן תְּהִלִּים און טוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים, אָבֶער נִישְׁט וֶוערְן אַרַיינְגֶעדְרֵייט און אַרַיינְגֶעמִישְׁט, ווייל מַחֲלֹקֶת אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, און אַלֶע וָואס נֶעמֶען אַ טֵייל אִין מַחֲלֹקֶת הָאבְּן שְׁפֶּעטֶער חֲרָטָה.

אִיךְ ווִיל עֶנְק זֵייעֶר בֶּעטְן עֶנְק זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט שָׁאטְן עֶנְקֶער שָׁלוֹם בַּיִת, עֶנְק זָאלְן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם, עֶנְק זָאלְן לֶעבְּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט, בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי שְׁכִינָה בַּיי עֶנְק אִין שְׁטוּבּ, דָארְט וואוּ עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם מִיט לִיבְּשַׁאפְט - דָארְט אִיז דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה, און אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם עֶס אִיז דָא אַ קְרִיגֶעריי - זָאגְט דֶער רֶבִּי - (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מְרִיבָה, סִימָן סו): "שָׁם הַשָּׂטָן", אִיז דָארְט דֶער שָׂטָן.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט לֶערְנֶען חוּמָשׁ - פָּרָשַׁת הַשָּׁבוּעַ - יֶעדֶע וָואךְ, טֵייל עֶס אַיין לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי און אַזוֹי וַוייטֶער, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת און גְמָרָא, און זַיי מַקְפִּיד צוּ דַאוֶוענֶען דִי דְרַיי תְּפִילּוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב אִין שׁוּל מִיט מִנְיָן.

און אִיר זָאלְט אָנְצִינְדְן דִי שַׁבָּת לֶעכְט צְוֵויי מִינוּט פַאר דִי זְמַן וָואס אִיר פְלֶעגְט צִינְדְן יֶעדֶע וָואךְ, טוּט דָאס פַאר אַ זְכוּת פַאר אַייעֶר מַאמֶע זָאל גֶעזוּנְט זַיין, און בַּיי דִי לֶעכְט זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ (דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְשְׁטֵייט עֶנְגְלִישׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְשְׁטֵייט אַלֶע שְׁפְּרַאכְן), בֶּעטְס אִים עֶר זָאל הֶעלְפְן אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם און זַיין גֶעזוּנְט, בֶּעטְס אִים פַאר אַייךְ, פַאר אַייעֶר מַאן און פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער, ווייל עֶס אִיז נִישְׁטָא עֶפֶּעס שְׁטֶערְקֶער פוּן תְּפִלָּה, בִּפְרַט תְּפִילּוֹת פוּן אִידִישֶׁע מַאמֶעס, אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן - וָואס בֶּעטְן בַּיי דִי שַׁבָּת לֶעכְט, דִי הִימְלֶען זֶענֶען אָפְן פַאר אִיר.

עֶס קוּמְט שׁוֹין חֲנוּכָּה, דִי הַאלְבֶּע שָׁעָה וָואס דִי לֶעכְט בְּרֶענֶען זָאלְן עֶנְק בֵּיידֶע דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מַאכְט עֶנְק אַ לִיסְטֶע אוֹיף וָואס צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און בַּיי דִי חֲנוּכָּה לֶעכְט זָאלְן עֶנְק נָאר לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

...

## דאנְקֶען און דַאנְקֶען, נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ דַאנְקֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י״ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר, דזְשֶׁערְזִי סִיטִי

מַזָל טוֹב פַאר דִי צְוֵויי שִׂמְחוֹת, פַאר דַיין נַייעֶ גֶעבוֹירֶענֶע אִינְגְל לְמַזָל טוֹב, און פַאר דִי אָפְּשֶׁערְן פוּן דַיין זוּן, אִים מַאכְן פֵּיאוֹת; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דִי בְּרִית זָאל זַיין אִין צַייט און דוּ זָאלְסְט מְגַדֵל זַיין דַיינֶע קִינְדֶער לַתּוֹרָה וּלְחוּפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים, מִיט פִיל נַחַת, אִינְאֵיינֶעם מִיט דַיין וַוייבּ.

יֶעצְט קוּמְט דִי חֲנוּכָּה טֶעג, זָאלְסְטוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר. נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק בִּיסְטוּ גֶעוֶוען אַ צֶעבְּרָאכֶענֶער בָּחוּר, הָאסְט גֶעמֵיינְט אַז דוּ וֶועסְט שׁוֹין אַזוֹי בְּלַייבְּן, אַלֵיין, און בִּזְכוּת דַיין הִתְקָרְבוּת צוּם רֶבִּי׳ן הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ שִׁידוּךְ, און צוּ אַ שְׁטוּבּ מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער; דַארְפְסְטוּ דַאנְקֶען און דַאנְקֶען, נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט וָואס דִי אוֹר הַגָּנוּז וֶוערְט נִתְגַּלָה, וואוּ וֶוערְט עֶס נִתְגַּלָה? אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, הֵייבּ אָן צוּרִיק לֶערְנֶען חוּמָשׁ - אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת און זָאגְן תְּהִלִים, וַוייל דִי פָּאר יָאר וָואס מֶען טוֹיגְט צוּ מַאכְן גֶעשֶׁעפְטְן אִיז נָאר אַבִּיסְל, און וָואס וֶועט זַיין נָאכְדֶעם? עֶס בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט אִיבֶּער, נָאר תּוֹרָה.

...

## כַאפּ זִיךְ אָן אִין צְוֵויי שְׁטְרִיקְן נִישְׁט אַרָאפְּצוּפַאלְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י״ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

כַאפּ זִיךְ אָן אִין דִי צְוֵויי שְׁטְרִיקְן וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז נִישְׁט אַרָאפְּצוּפַאלְן פוּנֶעם שְׁמָאלְן בְּרִיק. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן מח): ״דַע, שֶׁהָאָדָם צָרִיךְ לַעֲבֹר עַל גֶּשֶׁר צַר מְאֹד מְאֹד״, דִי וֶועלְט אִיז ווִי אַ

שְׁמָאלֶער בְּרִיק, מֶען דַארְף אַרִיבֶּער גֵיין זֵייעֶר אַ שְׁמָאלֶער בְּרִיק, "וְהַכְּלָל וְהָעִקָּר שֶׁלֹּא יִתְפַּחֵד כְּלָל", דֶער עִיקָר אִיז מֶען זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן; אוּן מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאגְן, דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז צְוֵויי שְׁטְרִיקְן אִין וָואס זִיךְ אָנְצוּכַאפְּן נִישְׁט אַרָאפְּצוּפַאלְן פוּנֶעם שְׁמָאלְן בְּרִיק.

דִי צְוֵויי שְׁטְרִיקְן זֶענֶען 'שִׂמְחָה' אוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת'; אוּן נָאר אַז מֶען כַאפְּט זִיךְ אָן אִין דִי שְׁטְרִיק - פַאלְט מֶען נִישְׁט. אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואס הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, "וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ", אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת נִישְׁט צוּ זַיין דֶעפְּרֶעסְט. אוּן אוֹיךְ אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, מֶען גֵייט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דִי אֵיידְלְקֵייט פוּן דַיין שְׁטוּבּ, זֶע אַז דַיין וַוייבּ אוּן דַיינֶע טֶעכְטֶער זָאלְן גֵיין אָנְגֶעטוּן צְנִיעוּת'דִיג, אֵיידֶעלֶע קְלֵיידֶער אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן אֵיידְל, זֵיי זָאלְן הָאבְּן נָאר דִי אֵיידְלְסְטֶע חַבֶרְ'טֶעס, וַוייל חֲבֵרִים הָאבְּן זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע הַשְׁפָּעָה. אוֹיךְ דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אֵיידֶעלֶע חֲבֵרִים; וַוייל אֲפִילוּ אַ רָשָׁע, אוֹיבּ וֶועט עֶר הָאבְּן גוּטֶע חֲבֵרִים, עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים - וֶועט עֶר וֶוערְן אוֹיס רָשָׁע. אוּן אוֹיךְ אַ צַדִּיק, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ דְרֵייעֶן מִיט נִישְׁט עֶרְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן - וֶועט עֶר מִיט דִי צַייט וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ זֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## רֶעד נַאטִירְלִיךְ בַּיי דַיינֶע אִינְטֶערְוִויוּס, מַאךְ נִישְׁט נָאךְ יֶענֶעם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט דִי שְׁמוּעֶסְן וָואס דוּ מַאכְסְט אוֹיפְן הַאט-לֵיין "קוֹל

בְּרֶסְלֶב", וואו דו בְּרֶענְגְסְט אַרוֹיף אִינְגֶעלַייט זָאלְן דֶערְצֵיילְן זֵייעֶר סִיפּוּר הִתְקַרְבוּת; אִיךְ ווִיל אָבֶּער בַּאמֶערְקְן אַ קְלֵיינִיקֵייט, עֶס אִיז שֶׁענֶער וֶוען מֶען רֶעדְט נַאטִירְלִיךְ, זוּךְ נִישְׁט נָאכְצוּמַאכְן דִי וֶועג ווִי אַנְדֶערֶע גֶעבְּן אִינְטֶערְווְיוּס, נָאכְמַאכְן הָאט נִישְׁט קֵיין טַעַם, אוּן דָאס אַרַיינְהַאקְן מִיט קִינְדֶערִישֶׁע אוֹיסְדְרוּקְן, אוּן דָאס רֶעדְן צוּ עֶלְטֶערֶע כְּאִילוּ זֵיי זֶענֶען יוּנְגֶער וְכוּ' - אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג; עֶנְדֶערְשׁ רֶעדְט נַאטִירְלִיךְ, זַיי 'דוּ' בַּיים רֶעדְן, אוּן דִי אַנְדֶערֶע וָואס גֶעבְּן שְׁמוּעֶסְן זָאלְן אוֹיךְ זַיין נַאטִירְלִיךְ.

אַזוֹי ווִי אַ מְלַמֵּד פַּאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער דַארְף בְּלַייבְּן רֶעדְן זַיין וֶועג אוּן נִישְׁט נָאכְמַאכְן דִי טָעוּתִים ווִי אַזוֹי דִי קְלֵיינֶע זָאגְן, בִּיז מִיט דִי צַייט הֵייבְּן דִי קִינְדֶער אָן רֶעדְן דֶערְוַואקְסְן; נִישְׁט דֶער מְלַמֵּד הֵייבְּט אָן רֶעדְן ווִי זֵיי.

יֶעצְט קוּמְט חֲנוּכָּה, דִי יוֹם טוֹב פוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר וֵוייסְן פוּן רֶבִּי'ן, פוּן גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "טַאטֶע אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ ווִיל דִיךְ דִינֶען, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט"; וְוִיפִיל דַארְפְן מִיר לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ רֶבִּי וָואס שְׁטַארְקְט אוּנְז אוּן מוּטִיגְט אוּנְז נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ.

...

## זַיי מְכַבֵּד דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ זוּנְטָאג נַאכְט גֵייט מֶען צִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה לֶעכְט, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ב): "יְמֵי חֲנוּכָּה", דִי חֲנוּכָּה טֶעג - "יְמֵי הוֹדָאָה", זֶענֶען טֶעג פוּן לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען, אוּן דָאס אִיז דִי פַארְגֶענִיגְן פוּן עוֹלָם הַבָּא.

וֶוען דוּ צִינְדְסְט אָן דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה לֶעכְט זָאלְסְטוּ זִינְגֶען דִי זְמִירוֹת - "הַנֵּרוֹת, מָעוֹז צוּר וְכוּ', וִיהִי נוֹעַם אוּן יוֹשֵׁב בְּסֵתֶר עֶלְיוֹן, לַמְנַצֵּחַ בִּנְגִינוֹת

מִזְמוֹר שִׁיר אֱלֹקִים יְחָנֵּנִי וִיבָרְכֵנִי, מִזְמוֹר שִׁיר חֲנוּכַּת הַבַּיִת לְדָוִד, רַנְּנוּ צַדִּיקִים, הַלְלוּיָ-הּ אוֹדֶה ה׳, הַלְלוּיָ-הּ אַשְׁרֵי אִישׁ, שִׁיר הַמַּעֲלוֹת לְדָוִד הִנֵּה מַה טוֹב, מִזְמוֹר לְתוֹדָה, שִׁיר הַמַּעֲלוֹת לְדָוִד לוּלֵי ה׳, הַלְלוּיָ-הּ הַלְלוּ אֵ-ל בְּקָדְשׁוֹ", נָאכְדֶעם פִירְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ זִינְגֶען דִי שִׁיר שֶׁל חֵשֶׁק "יְדִיד נֶפֶשׁ", מִיט "אֵ-ל מִסְתַּתֵּר" אוּן "אוֹר הַגָּנוּז בְּלֹבֶן הַמַּחְשׁוֹף", אוּן דַאנְק אוּן לוֹיב דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוּן נָאךְ אַבִּיסְל הָאסְטוּ שׁוֹין אַ קִינְד.

זַיי מְכַבֵּד דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער; וֶוען מֶען אִיז יוּנְג אִיז מֶען יוּנְג, מֶען כַאפְּט נִישְׁט וָואס עֶלְטֶערְן זֶענֶען אוּן וָואס אַ שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער זֶענֶען, אָבֶּער בַּיים רֶבִּי'ן שְׁטַארְקְט מֶען זִיךְ אֲפִילוּ יוּנְגֶערְהֵייט צוּ אוֹיסְהֶערְן עֶלְטֶערְן, אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵיי אוּן מֶען פָארְט שׁוֹין אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם רֶבִּי'ן, הֶחָכָם עֵינָיו בְּרֹאשׁוֹ, גְרֵייט אָן דַיינֶע פַּאפִּירְן, מַאךְ זִיךְ לֶעגַאל צוּ קֶענֶען פָארְן, וַוייל רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְפְן אַלֶע זַיין.

...

## פַארְלֶעשׁ דַיין טֶעלֶעפָאן, פַארְבְּרֶענְג מִיט דַיין וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ וִויל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין, דִי בִּיסְל צַייט וָואס דוּ בִּיסְט מִיט דַיין וַוייבּ בַּיי נַאכְטְמָאל וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ אוֹיסְלֶעשְׁן דַיין טֶעלֶעפָאן, אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען הֶערְן וָואס זִי רֶעדְט אוּן וָואס זִי דֶערְצֵיילְט דִיר. אִיךְ וֵוייס אַז דוּ טוּסְט נִישְׁט שְׁלֶעכְט, דוּ בִּיסְט עוֹסֵק מִיר צוּ הֶעלְפְן, דוּ הֶעלְפְסְט מִיר זֵייעֶר, דָאךְ וִויל אִיךְ עֶס זָאל נִישְׁט גֵיין אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן דַיין "שְׁלוֹם בַּיִת"; פַארְלֶעשׁ דַיין טֶעלֶעפָאן, גֶעבּ אִיר דִי פָּאר מִינוּט, זִי זָאל בַּאקוּמֶען וָואס קוּמְט אִיר.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ צִינְדְן מִיר דִי הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה, בַּיי אוּנְז אִיז דֶער מִנְהָג זִיךְ צוּ אָנְטוּן שְׁטְרַיימְל מִיט בֶּעקִיטְשֶׁע, מֶען וַואשְׁט דִי

הֶענְט אוּן מֶען זָאגְט דִי "לְשֵׁם יִחוּד", מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּזְכוּת וָואס מֶען צִינְדְט דִי חֲנוּכָּה לֶעכְט - "תְּחַכְּמֵנוּ בְּאוֹר תּוֹרָתֶיךָ" זָאלְסְטוּ מִיר עֶפֶענֶען דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה, "אָנוּ וְזַרְעֵנוּ וְזֶרַע זַרְעֵנוּ" פַאר מִיר, פַּאר מַיינֶע קִינְדֶער אוּן פַאר דִי קִינְדְ'ס קִינְדֶער; בַּיי דִי וֶוערְטֶער זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ סְטַאנְצְיֶע, בֶּעט פַאר דִיר אוּן פַאר דַיינֶע דוֹרוֹת - "וְיִהְיוּ זַרְעִי וְזֶרַע זַרְעִי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וַחֲסִידִים, אֲהוּבִים לְמַעְלָה וְנֶחְמָדִים לְמַטָּה", מֶעגְסְט לָאזְן אַ טְרֶער בַּיי דִי תְּפִלָּה, אַז דַיינֶע קִינְדֶער אוּן קִינְדְ'ס קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע בַּאלִיבְּטֶע אִידְן, תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

...

## דִי גִיפְטִיגֶע כֵּלִים, צִיפְּן מִיר בַּיים הַארְץ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען בַּיי מִיר מִיט דַיין וַוייבּ, דוּ הָאסְט מִיר גֶעפְרֶעגְט וֶועגְן הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן, הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט אַז דוּ פְרֶעגְסְט וֶועגְן דָאס הָאבְּן אִין שְׁטוּבּ; דָאס הָאט מִיר גֶעצִיפְּט אִין הַארְץ, וַוייל וִוי מֶעג זַיין אַזַא זַאךְ אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ; שְׁפֶּעטֶער וֶוען דוּ הָאסְט מִיר גֶעזָאגְט אַז דוּ בְּרֶענְגְסְט עֶס נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ, דוּ פְרֶעגְסְט וֶועגְן דָאס הַאלְטְן אִין אָפִיס - הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעלֶעבְּט, וַוייל אִין אָפִיס אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ; אִין אָפִיס קֶען מֶען הָאבְּן דִי זַאכְן, דָאס אִיז אַזוֹי וִוי אַ קָאמְפְּיוּטֶער, (פַארְשְׁטֵייט זִיךְ מֶען דַארְף הָאבְּן אַ פִילְטֶער), אָבֶּער אִין שְׁטוּבּ טָאר נִישְׁט זַיין קֵיין שׁוּם כֵּלִי, אוּן וִויי פַאר מִיר אַז אִיךְ קֶען דָאס נִישְׁט פּוֹעֵל'ן בַּיי מַיינֶע מֶענְטְשְׁן, וֵויי פַאר מִיר אַז אִיךְ בּוֹי אַ שְׁטֶעטְל מִיט בְּלוּט אוּן שְׁוֵוייס, מִיט דָמִים תַּרְתֵּי מַשְׁמַע, אַזוֹיפִיל בְּלוּט אוּן אַזוֹיפִיל גֶעלְט, אוּן נָאכְאַלְץ הֶערְט מֶען מִיךְ נִישְׁט אוֹיס. עֶס רַייסְט מִיר מַיין הַארְץ, אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק מִיט עֶנְקֶערֶע קִינְדֶער, אִיךְ בָּארְג אַזוֹיפִיל גֶעלְט, אִיךְ שְׁלֶעפּ אַ בַּארְג חוֹבוֹת, אִיבֶּער דְרֵיי מִילְיָאן דָאלֶער, פַאר וֶועם? פַאר עֶנְקֶערֶע קִינְדֶער, אוּן וֶוען אִיךְ בֶּעט זִיךְ דִי

זַאךְ, 'בְּרֶענְגְט נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ דִי גִיפְטִיגֶע כֵּלִים' - פָּאלְגְט מֶען נִישְׁט, אוּן נָאכְדֶעם וֶוען דִי קִינְדֶער פַאלְן - קוּמְט מֶען וֵויינֶען צוּ מִיר.

הָאסְט מִיךְ פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט אַז בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ אִיז זוֹיבֶּער אוּן רֵיין, בְּלַייבּ שְׁטַארְק, הַאלְט דִי כֵּלִים נָאר אִין אָפִיס, נָאר אִין דִי אַרְבֶּעטְ'ס שָׁעָה'ן, אוּן אִין שְׁטוּבּ זָאל זַיין הֵיילִיגֶע סְפָרִים, הֵיילִיגֶע מְזוּזָה, הֵיילִיגֶע צִיצִית, אוּן הֵיילִיגֶע קִינְדֶער.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ זוּנְטָאג נַאכְט צִינְדְט מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע לֶעכְטְל, זֶע צוּ צִינְדְן אִין צַייט, גְלַייךְ נָאךְ מַעֲרִיב.

...

## דֶערְמַאנֶען דִי מְלַמְּדִים וָואס אוּנְזֶער צִיל אִיז

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ דְחַסִידֵי בְּרֶסְלֶב, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ זוּנְטָאג נַאכְט אִיז דִי הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה יח:), דִי יְוָנִים הָאבְּן גֶעוָואלְט אוֹיסְרַייסְן דִי אֱמוּנָה, מֶען זָאל נִישְׁט דֶערְמַאנֶען שֵׁם הַשֵּׁם, אוּן - "וּכְשֶׁגָּבְרָה מַלְכוּת חַשְׁמוֹנָאִי", הָאבְּן זֵיי מְתַקֵּן גֶעוֶוען מֶען זָאל שְׁרַייבְּן אוֹיף יֶעדֶע שְׁטַר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען; אִיז יֶעצְט חֲנוּכָּה אַ צַייט צַאמְצוּנֶעמֶען אַלֶע מְלַמְּדִים אוּן זֵיי מְחַזֵּק זַיין אוּן זֵיי דֶערְמַאנֶען מֶען זָאל אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּטְהוֹרָה, אוֹיסְשְׁרֵייעֶן "מִי לַה' אֵלַי", דִי קִינְדֶער זָאלְן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְמַאן דִי מְלַמְּדִים וָואס אוּנְזֶער עִיקָּר אִיז, אוּן וָואס דִי צִיל אִיז, מֶען זָאל נִישְׁט פַארְלִירְן אוּן פַארְגֶעסְן וָואס מִיר ווִילְן, נָאר אֵיין זַאךְ: דִי קִינְדֶער זָאלְן ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט פוּן זִיךְ אַלֵיין, אוּן וָואס מֶען דַארְף אוּן וָואס מֶען ווִיל - דַארְף מֶען פוּן אִים בֶּעטְן.

אִיךְ וִויל דִיךְ דֶערְמַאנֶען מֶען זָאל אָנְגְרֵייטְן פּוּשְׁקֶעס אוּן אוֹיסְטֵיילְן פַּאר יֶעדְן קִינְד אוּן אָנְרֵייצְן דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן גֵיין נָאךְ גֶעלְט, פַּאר צְוֵויי סִיבּוֹת, אֵיינְס זֵיי זָאלְן בְּרֶענְגֶען צְדָקָה פַּאר דִי מוֹסָד, אוּן וְהָעִקָּר - זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט, אַלֶע קִינְדֶער אָן אוֹיסְנַאם מוּזְן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אַ פּוּשְׁקֶע וְכוּ׳.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ דִיךְ דֶערְמַאנֶען אַז דִי בָּחוּרִים וָואס קוּמֶען הֶעלְפְן אִין חֵדֶר קֶענֶען נִישְׁט קוּמֶען מִיט קֵיין כֵּלִים, מַאשִׁינְקֶעלֶעךְ - וָואס מֶען שְׁפִּילְט גֶעיִמְס וְכוּ׳, בְּשׁוּם אֵין אוֹפֶן, אִיךְ וֶועל נָאךְ רֶעדְן מִיט דִיר פָּנִים בְּפָנִים.

...

## פָּאר נִישְׁט אַוֶועק, אֲפִילוּ דַיין וַוייבּ אִיז מַסְכִּים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י״ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דַיין וַוייבּ אִיז דִיר גוּט אוּן גֶעטְרַיי, אוּן וֶוען דוּ וֶועסְט נָאר וֶועלְן פָּארְן אוֹיף נְסִיעוֹת, מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים וֶועט זִי דִיךְ לָאזְן פָּארְן - אִיז אָבֶער נָאכְאַלְץ נִישְׁט רִיכְטִיג דָאס צוּ טוּן פַאר אִיר, מֶען טָאר דָאס נִישְׁט טוּן צוּ אִיר; פַארְגֶעס נִישְׁט אַז מִיר פָּארְן דָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם רֶבִּי׳ן קַיין אוּמַאן, קֶען מֶען נִישְׁט פָּארְן נָאךְ זְמַנִּים, אִיבֶּערְלָאזְן דִי וַוייבּ מִיט דִי פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער, מֶען דַארְף רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִיר, אוּן מֶען קֶען פּוֹעֶל׳ן אַלֶע יְשׁוּעוֹת מִיטְן זַיין אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי מִשְׁפָּחָה.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, בַּאנֵיי זִיךְ, קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אִיז חֲנוּכָּה, אַ צַייט פוּן זִיךְ בַּאנַייעֶן, אוּן אֲפִילוּ דִי יְוָנִים הָאבְּן זִיךְ אַיינְגֶעבְּרָאכְן אוּן מְטַמֵּא גֶעוֶוען "כָּל הַשְּׁמָנִים" - דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה, "וּפָרְצוּ חוֹמוֹת מִגְדָּלַי", זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶעבְּרָאכְן אַלֶע טוֹיעֶרְן, דִי אוֹיגְן, דִי אוֹיעֶרְן, דִי נָאז, דִי מוֹיל, אוּן מֶען אִיז לֵיידֶער אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין טִיפְן אָפְּגְרוּנְד, אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְּלָן, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן, אִיז אָבֶער - "וּמְנוֹתַר קַנְקַנִּים", דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעשְׁרִיגְן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן עח): "גִּיוַואלְד, נִישְׁטָא קֵיין

יֵאוּשׁ!" - קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ מְתַקֵּן זַיין אַלֶעס אוּן אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

...

## הֶעלְפְן "בֵּית פֵּיגָא" אִיז דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע זַאךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

סַיי דוּ אוּן סַיי דַיין וַוייבּ פְרֶעגְן וָואס עֶנְק קֶענֶען נָאךְ הֶעלְפְן, עֶנְק זֶענֶען פוּל מִיט הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר אַלֶעס וָואס עֶנְק הָאבְּן בַּאקוּמֶען; זָאג פַאר דַיין וַוייבּ אַז מִיט דֶעם וָואס זִי הֶעלְפְט אִין "בֵּית פֵּיגָא" - דָאס אִיז פַאר מִיר זֵייעֶר חָשׁוּב, אוּן אוֹיךְ דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן מִיט מְחַזֵּק זַיין דַיין וַוייבּ זִי זָאל וַוייטֶער הֶעלְפְן "בֵּית פֵּיגָא", אוּן אַז דוּ קֶענְסְט אִיר טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען - אִיז דָאס פַאר מִיר זֵייעֶר חָשׁוּב, וַוייל "בֵּית פֵּיגָא" אִיז דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע זַאךְ פוּן דִי קְהִילָה; אַוֶועק שְׁטֶעלְן דִי טֶעכְטֶער מִיט אַ שְׁטַארְקֶע פְּרִינְצִיפּ לִיבּ צוּ הָאבְּן אִידִישְׁקֵייט, לִיבּ הָאבְּן דִי תּוֹרָה אוּן לִיבּ הָאבְּן דִי מִצְווֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ תַּנְחוּמָא נָשֹׂא, י): "וְיִשְׁמְרֶךָ בְּבָנוֹת", דִי טֶעכְטֶער זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, וַוייל טֶעכְטֶער דַארְפְן מֶער שְׁמִירָה וִוי בָּנִים-אִינְגְלֶעךְ.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אִיז חֲנוּכָּה, זָאלְסְטוּ זִיצְן בַּיי דִי לֶעכְט, זִינְג זְמִירוֹת, אוּן זִינְג - לוֹיבּ אוּן דַאנְק - צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַזַא לִיכְטִיגֶע מִשְׁפָּחָה, אוּן בֶּעט פַאר דִיר, פַאר דַיין וַוייבּ אוּן דַיינֶע קִינְדֶער.

זַיי מַמְשִׁיךְ צוּ הֶערְן שִׁיעוּרִים, אַזוֹי וֶועסְטוּ זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן, רוּף יֶעדְן טָאג קוֹל בְּרֶסְלֶב, קוֹל הַצַּדִּיק, קוֹל אֱמוּנָה - וֶועסְטוּ הֶערְן דְרָשׁוֹת וָואס וֶוערְט גֶעגֶעבְּן אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דוּ וֶועסְט וֶוערְן וִוי נַיי גֶעבּוֹירְן, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט: "וֶוער עֶס וֶועט זִיךְ דֶערְמַאנֶען פוּן מִיר, וֶועט וֶוערְן כְּקָטָן שֶׁנּוֹלַד".

...

## ווען די קינדער זענען קליין, רעד צו זיי פון קדושה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י״ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; רֶעד צוּ דַיינֶע קִינְדֶער פוּן קְדוּשָּׁה, אוּן אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט - זָאלְסְטוּ נָאכְאַמָאל רֶעדְן, אוּן אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט - זָאלְסְטוּ רֶעדְן מֶער שְׁטְרֶענְג, אוּן אַז עֶס פֶעלְט אוֹיס - זָאלְסְטוּ גֶעבְן אַ פֶּעטְשֶׁעלֶע; יֶעצְט אִיז דִי צַייט, וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען קְלֵיין דַארְף מֶען זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין צוּ זַיין אֵיידְל אוּן הֵיילִיג, זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְדֶעקְן דִי קְלֵיידֶער אוּן נִישְׁט אָנְרִירְן, נִישְׁט זִיךְ צוּ שְׁפִּילְן וְכוּ׳ וְכוּ׳.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נָאכְקוּקְן דַיינֶע קִינְדֶער מִיט וֶועם זֵיי חַבְרְ׳ן זִיךְ, אוּן אוֹיךְ שַׁבָּת וֶוען דוּ בְּרֶענְגְסְט זֵיי אִין שׁוּל זָאלְסְטוּ זֵיי נָאכְקוּקְן אוֹיב זֵיי שְׁפִּילְן אֵיידְל, נִישְׁט לָאזְן אוֹיף הֶפְקֵר. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן נד): ״עַל יְדֵי חֲנוּכָּה וְנֵר שַׁבָּת הֲוֵי לֵהּ בָּנִים תַּלְמִידֵי חֲכָמִים״, דוּרְךְ שַׁבָּת לֶעכְט הָאט מֶען קִינְדֶער תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, אַז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (פְּסָחִים ז:): ״חִפּוּשׂ מִנֵּרוֹת, וְנֵרוֹת מִנֵּר״, אַז מֶען לֶערְנְט אַרוֹיס בּוֹדֵק חָמֵץ זַיין פוּן נֵרוֹת, עַיֵּין שָׁם; דָאס זָאגְט דֶער רֶבִּי, דֶער וָואס קוּקְט נָאךְ זַיינֶע קִינְדֶער שַׁבָּת בַּיים דַאוֶונֶען, שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג וְכוּ׳ - וֶועלְן דִי קִינְדֶער זַיין עֶרְלִיךְ.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אִיז חֲנוּכָּה, זָאלְסְטוּ בֶּעטְן בַּיי דִי לֶעכְט אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין הֵיילִיג אוּן רֵיין.

...

## לִיבּ הָאבְּן זִיךְ אַלֵיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י״ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וְויסְן זָאלְט אִיר, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דָא אַ מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה (וַיִּקְרָא יט, יח):

"וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ", לִיבּ צוּ הָאבְּן אַ צְוֵוייטְן אִיד, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דִי מִצְוָה זִיךְ אַלֵיין לִיבּ צוּ הָאבְּן, אוּן אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דָא אַ לַאו אִין דִי תּוֹרָה נִישְׁט פַּיינְט הָאבְּן אַ צְוֵוייטְן אִיד (שָׁם, יז), אַזוֹי אוֹיךְ טָאר מֶען זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט פַּיינְט הָאבְּן; עֶס טוּט וֵויי פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען מֶען הָאט זִיךְ אַלֵיין פַּיינְט, דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין גוּטֶע זַאךְ, דָאס קוּמְט פוּן דִי קְלִיפּוֹת אוּן פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא.

דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר פוּן הַיינְט אָן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מַאךְ מִיר מַיינֶע גֶעפִילְן, מַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת - זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט, אִיךְ זָאל זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען דֶערלַיידְן, רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן דִי קְלִיפּוֹת אוּן סִטְרָא אַחֲרָא וָואס ווִילְן מִיךְ פַּארְצִיקְן אוּן שְׁלֶעכְט מַאכְן, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועןן פַאר דִיר, אָמֵן סֶלָה".**

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אִיז חֲנוּכָּה, פְּרוּיעֶן זֶענֶען אוֹיךְ מְחוּיָב מִיט חֲנוּכָּה, אוּן וֶוען אַייעֶר מַאן צִינְדְט דִי לֶעכְט זָאלְט אִיר נִישְׁט טוּן קֵיין מְלָאכוֹת, זִיצְט מִיט דִי קִינְדֶער אוּן זָאגְט לוֹיבּ וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְקְט אִים אוּן לוֹיבְּט אִים פַאר אַייעֶר מַאן אוּן קִינְדֶער, חֲנוּכָּה אִיז אַ צַייט פוּן נָאר לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען, נָאר פְרֵייליךְ, אַרוֹיס מִיט דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה.

...

## חֲנוּכָּה אִיז דִי צַייט אָפְּצוּלָאזְן דִי שְׁלֶעכְטֶע וֶועגְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אִיז חֲנוּכָּה, עֶס אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף אַלֶעס; בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין טַייעֶרער ..., קוּם צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צִינְד דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה לֶעכְט אוּן זָאג פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי דִי לֶעכְט:

**"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, זַיי מִיךְ מוֹחֵל אוֹיף מַיינֶע זִינְד, אִיךְ ווִיל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ דִיר, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט טוּן עֲבֵירוֹת,**

**און הֶעלְף מִיךְ, גֶעבּ מִיר מַיין שִׁידוּךְ, אַן עֶרְלִיכֶע שִׁידוּךְ, אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט טוּן דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת פוּן פְּגַם הַבְּרִית, פוּן נַשְׂגַ"ז רַחֲמָנָא לִצְלָן, רַחֲמָנָא לְשֵׁיזְבָן".**

טַייעֶרֶער ..., אִיךְ הָאבּ דִיךְ אַזוֹי לִיבּ, אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל גֶעהָאפְט אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, און אִיךְ וֶועל דִיר מַאכְן אַ שִׁידוּךְ, און דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, יֶעצְט וַוארְט אִיךְ נָאר דוּ זָאלְסְט זִיךְ צוּרִיק קֶערְן און אָפְּלָאזְן דִי נִישְׁט גוּטֶע וֶועג, יֶעצְט חֲנוּכָּה קֶענְסְטוּ עֶס בַּאוַוייזְן, צוּרִיק אָנְטוּן תְּפִלִּין יֶעדְן טָאג, הִיטְן שַׁבָּת, עֶסְן כָּשֶׁר'ס און נִישְׁט גֵיין מִיט פְּרֶעמְדֶע, נָאר תְּשׁוּבָה טוּן, צוּרִיק לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר.

...

## עֶסְן בַּיי דִי חֲנוּכָּה לֶעכְט?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, ווילְיַאמְסְבּוּרְג**

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע אוֹיבּ מֶען קֶען עֶפֶּעס עֶסְן אִין דִי הַאלְבֶּע שָׁעָה וָואס מֶען זִיצְט בַּיי דִי חֲנוּכָּה לֶעכְט; קֶענְסְט עֶפֶּעס עֶסְן בַּיי דִי חֲנוּכָּה לֶעכְט, אַזוֹי וֶועסְטוּ נִישְׁט אַוֶועק לוֹיפְן פוּן דִי לֶעכְט.

קוּק אוֹיף דִי לֶעכְט, וֶוען מֶען קוּקְט גוּט אַרַיין אִין דִי חֲנוּכָּה לֶעכְט זֶעט מֶען אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן, מֶען הֵייבְּט אָן זֶען און פַארְשְׁטֵיין נַייעֶ זַאכְן, בַּאהַאלְטֶענֶע זַאכְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ יֶעדְן אִיד, און אֲפִילוּ מֶען הָאט גֶעטוּן נַארִישְׁקֵייטְן, מֶען הָאט גֶעפָאלְגְט דֶעם יֵצֶר הָרָע - קֶען מֶען נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן, עֶס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט דֶערְנָאךְ, עֶס אִיז אַלְץ דָא אַ וֶועג צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זִיץ בַּיי דִי לֶעכְט, קֶענְסְט עֶפֶּעס עֶסְן, און קוּק אוֹיף דִי לֶעכְט און זָאג דִי וֶוערְטֶער: **"אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף אוֹיף מִיר, עֶס וֶועט נָאךְ זַיין שֵׁיינֶע זַאכְן פוּן מִיר, אִיךְ טוּ טַאקֶע נַארִישְׁקֵייטְן, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט מִיךְ, דָאס**

**אִיז פוּן דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, עֶכְט עֶכְט, טִיף טִיף אִין מַיין הַארְץ ווִיל אִיךְ זַיין אַ צַדִיק״.**

...

## בַּאנֵיי זִיךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י״ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, בָּארָא פַּארְק**

דִי מְנוֹרָה לֵייגְט מֶען אוֹיף דִי לִינְקֶע זַייט פוּנֶעם טִיר, מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, מִיט דֶעם וַוייזְט מֶען אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז לִינְקֶס, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקֵייטְן, אוּן אֲפִילוּ מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ לִינְקֶס, ווִי אַ דוּרְכְפַאל - בְּרֶענְט דָארְט אוֹיךְ דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה לֶעכְט, דַיְקָא דָארְט אִיז בַּאהַאלְטְן דִי אוֹר הַגָּנוּז, דָארְט אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

דָאס אִיז דִי לִימוּד וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, אוּן דָאס אִיז דֶער לִימוּד וָואס מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט אַרֵיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט, אוּן דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן מָשִׁי״חַ: מְ׳זוּזָה, יְ׳מִין, חֲ׳נוּכָּה, שְׂ׳מֹאל; אִין דִי מְזוּזָה שְׁטֵייט דִי אֱמוּנָה, שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה׳ אֱלֹקֵינוּ ה׳ אֶחָד, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז, בַּיי אוּנְז אוּן נֶעבְּן אוּנְז, אוּן חֲנוּכָּה מִשְּׂמֹאל, אֲפִילוּ עֶס אִיז לִינְקֶס, דִינִים, עֶס גֵייט אִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע טֶעג - גַּם שָׁם נִמְצָא הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער בַּאנֵיי זִיךְ, זַיי זִיךְ מְחַיֶּ׳ מִיט דַיין מְזוּזָה, מִיט דַיין צִיצִית, זַיי זִיךְ מְחַיֶּ׳ מִיט דִי אֱמוּנָה, בַּאנַיי זִיךְ מִיט לִימוּד הַתּוֹרָה, הֵייבּ אָן דַיין טָאג מִיט אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, זֶעץ זִיךְ אַרַיין אִין אַ שׁוּל, פַארְמַאךְ דַיין טֶעלֶעפָאן, זַיי גוֹרֵס חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, מִיט אַ יוֹם תְּהִלִּים, מִיט בַּיִת נִצְחִי [אַ דַף בַּ׳בְלִי, אַ דַף יְ׳רוּשַׁלְמִי, אַ פֶּרֶק תִּ׳וֹסֶפְתָּא, רָאשֵׁי תֵּיבוֹת בַּיִ״ת], נָאכְדֶעם גֵיי אִין אָפִיס, דִי גַאנְצֶע טָאג וֶועט דִיר גֵיין גְרִינְגֶער, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶעגֶען דָאס מֵעִיד, אַלֶעס גֵייט גְרִינְגֶער נָאכְן לֶערְנֶען חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת.

...

## דִּי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן חֲנוּכָּה אִיז פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, בָּארָא פַּארְק**

וָואס אִיז דִּי זַאךְ פוּן דִּי מְהַדְּרִין, אַז יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל פַאר זִיךְ צִינְדְן בַּאזוּנְדֶער יֶעדֶע נַאכְט פוּן דִּי אַכְט טֶעג חֲנוּכָּה אַ לֶעכְטְל?

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, עֶס זֶענֶען דָא וָואס זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה, זֵיי זָאגְן, עֶס אִיז טַאקֶע אֱמֶת אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נִיסִים אִין יֶעדְן דוֹר מִיט כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אָבֶּער בִּפְרָטִיּוּת מִיט אִים - שְׁפִּירְט עֶר נִישְׁט אַז עֶס הָאט אַ שַׁיְיכוּת, עֶר מֵיינְט אַז דִּי אַלֶע לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת פוּן דִּי צַדִּיקִים זֶענֶען נִישְׁט פַאר אִים, כְּאִילוּ עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ דִּי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִּי תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, דֶערִיבֶּער צִינְדְט מֶען כְּשִׁיטַת הַמְּהַדְּרִין, נֵר לְכָל אֶחָד וְאֶחָד, אַז יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל וויסְן אַז דִּי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִּי חֲנוּכָּה לֶעכְט הָאט מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם אַ שַׁיְיכוּת, אוּן אֲפִילוּ דוּ שְׁפִּירְסְט עֶס נָאכְנִישְׁט, עֶס אִיז בִּבְחִינַת "וַיַּרְא אֶת הַמָּקוֹם מֵרָחוֹק", עֶס אִיז נָאךְ פוּן דֶערְוַוייטְנְס, דָאךְ הָאט עֶס שַׁיְיכוּת מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם; אוּן דִּי מְהַדְּרִין מִן הַמְּהַדְּרִין לֵייגְן צוּ אַ לֶעכְט יֶעדֶע נַאכְט, צוּ וַוייזְן אַז יֶעדְן טָאג וֶוערְט מֶער אוּן מֶער לִיכְטִיג, אוּן מִיט דִּי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען טוּט, דִּי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה אַרַיין צוּ כַאפְּן יֶעדְן טָאג - וֶוערְט נָאךְ מֶער לִיכְטִיג.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַזַא רֶבִּי וָואס הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אוּנְז אוּן אִיז אוּנְז מְחַזֵּק מִיט אַלֶע חִיזּוּק, אוּן אִיז אוּנְז מְקָרֵב מִיט דִּי גְרֶעסְטֶע הִתְקָרְבוּת.

ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס נֶעמְט אַרַיין דִּי הֵיילִיגֶע לִימוּדִים לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה, עֶר אִיז זִיךְ מְחַזֵּק מִיט דִּי נֵרוֹת חֲנוּכָּה, עֶר הֵייבְּט אָן פוּנְדָאסְנֵיי דִּינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים גוּט זַיין בָּזֶה וּבַבָּא.

...

## זִיךְ צוּרִיק בַּאנֵייעֶן מִיט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב חֲנוּכָּה, חֲנוּכָּה אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן זִיךְ בַּאנַייעֶן, זִיךְ בַּאנַייעֶן מִיט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; וֵויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט זִיךְ צוּרִיק בַּאנַייעֶן מִיט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, בִּפְרַט מִיט לִימוּד מִשְׁנַיוֹת, אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן הֵייבּ אָן זָאגְן כְּסִדְרָן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, קוֹדֶם דַארְף מֶען אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה בִּיז מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט אוּן זוֹיבֶּער אוּן מֶען הֵייבְּט אָן פַארְשְׁטֵיין; זָאג אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, פְּרוּבִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים, אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת; דָאס וֶועט דִיךְ רֵיינִיגְן פוּן אַלֶע שְׁמוּץ, עֶס וֶועט אוֹיסְלַייטֶערְן דַיין קֶערְפֶּער, דַיין מֹחַ אוּן דַיין נְשָׁמָה.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, יֶעצְט חֲנוּכָּה וֶוערְט אַנְטְפְּלֶעקְט דִי אוֹר הַגָּנוּז, דִי אוֹר פוּן צַדִּיק אֱמֶת, וָואס לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ אוּנְז אַלֶע וָואס מִיר זֶענֶען אִין דְיוֹטָא הַתַּחְתּוֹנָה, מִיר זֶענֶען אַזוֹי נִידְרִיג, מִיר זֶענֶען גֶעפַאנְגֶען בַּיי דִי קְלִיפּוֹת, בִּמְקוֹם רְשׁוּת הָרַבִּים, לְמַטָּה מֵעֲשָׂרָה טְפָחִים, אוּן שַׁיינְט אַרַיין אִין אוּנְז דִי אוֹר הַגָּנוּז, מִיר זָאלְן אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ כָּל הַמַּדְרֵגוֹת, דוּרְךְ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא, מֶדְרָשׁ, זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ וְתִקּוּנִים וְכוּ' וְכוּ', צוּ שְׁפַּאצִירְן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, מֶען דַארְף נָאר זוֹכֶה זַיין אַוֶועק צוּ וַוארְפְן דִי שֵׂכֶל אוּן פָאלְגְן דֶעם צַדִּיק הָאֱמֶת, אוּן דִי אוֹר הַתּוֹרָה - "מַחֲזִירָן לְמוּטָב" (מֶדְרָשׁ אֵיכָה רַבָּתִי, הַקְדָּמָה פִּסְקָה ב), וֶועט אוּנְז צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס פָאלְגְט בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

...

## דָאס גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, בְּרֶענְגְט דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י״ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס מַאכְסְטוּ חֶשְׁבּוֹנוֹת וְכוּ׳? גֶעבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער אִין שְׁטוּבּ, זָאג דַיינֶע גֶעפִילְן, וָואס טְרַאכְסְטוּ טוֹיזְנְט מָאל אוֹיבּ עֶס קוּמְט אַריין יֶעצְט צוּ גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט אָדֶער נִישְׁט; וַוארְף אַוֶועק דִי חָכְמוֹת הַמְּדֻמּוֹת (קַאמְפְּלֶעקְסְן), גֶעבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער, זָאג אִיר אַז דוּ הָאסְט אִיר לִיבּ, מֶען דַארְף נִישְׁט מֶער פוּן דִי וֶוערְטֶער.

דָאס גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער בְּרֶענְגְט דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ, קוּק אַרַיין אִין הֵיילִיגְן זוֹהַר פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית (דף מט:), ווִי אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט חַוָה׳ן, עֶר הָאט אִיר גֶעזִינְגֶען: ״׳רַבּוֹת בָּנוֹת עָשׂוּ חָיִל וְאַתְּ עָלִית עַל כֻּלָּנָה׳, כֻּלְּהוֹן נָשִׁין גַּבָּהּ כְּקוֹפָא בִּפְנֵי בְּנֵי נָשָׁא״, אַלֶע אַנְדֶערֶע וַוייבֶּער זֶענֶען אַזוֹי ווִי מַאלְפֶּעס, ״אֲבָל לְזֹאת יִקָּרֵא אִשָּׁה״, אָבֶּער דוּ בִּיסְט אַ שֵׁיינֶע וַוייבּ; קוּק אַרַיין ווִי דֶער זוֹהַר זָאגְט ווִי אַזוֹי מֶען זָאל רֶעדְן אִין שְׁטוּבּ: ״הָא בְּסִימוּ דְּמִלִּין לְאַמְשְׁכָא עִמָּהּ חֲבִיבוּתָא, וּלְאַמְשְׁכָא לָהּ (עִמָּהּ) לִרְעוּתֵיהּ״, מֶען זָאל רֶעדְן זִיסֶע רֵייד וְכוּ׳, עַיֵּין שָׁם.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ זוּנְטָאג נַאכְט צִינְדְן מִיר דִי הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה; זָאלְסְטוּ זִיצְן בַּיי דִי לֶעכְט אוּן דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בֶּעט אִים אַז בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ זָאל שַׁיינֶען אוּן לַייכְטְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס לִיכְטִיגְקֵייט; דוּ, דַיין וַוייבּ, דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אַזוֹי וַוייטֶער - זָאלְן אַלֶע לֶעבְּן מִיטְן רֶבִּי׳ן, מִיט דִי תַּלְמִידִים, מִיט דִי זִיסֶע לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת.

אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ.

...

## אַ תְּפִלָּה פַאר בָּחוּרִים צוּ בֶּעטְן בַּיי דִי חֲנוּכָּה לֶעכְט

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן ... נֵרוֹ יָאִיר**

דָא הָאסְטוּ אַ הַארְץ רַייסְנְדֶע תְּפִלָּה פַאר בָּחוּרִים צוּ בֶּעטְן בַּיי דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה לֶעכְט (גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר 'נֵר לְהַצַּדִּיק', תְּפִלָּה ג).

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאב רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ בִּין אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, אִיךְ בִּין אִין אַ בִּיטֶערֶע מַצָּב, אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע פְּלַאץ, פוּן אַזוֹיפִיל זִינְדִיגְן מִיט חַטְאוֹת נְעוּרִים, אִיךְ לִיג אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית; פוּן אַזוֹיפִיל זִינְדִיגְן קֶען אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט טְרֶעפְן מַיין זִיווּג, אוּן דָאס אַלֵיינְס מַאכְט מִיךְ זִינְדִיגְן מֶער אוּן מֶער, אוֹי וֵויי, אוֹי וֵויי, שׁוֹין אַזַא לַאנְגֶע צַייט וָואס אִיךְ פְּרוּבִיר אָפְּצוּלָאזְן מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים אוּן מַיינֶע עֶקְלְדִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּן דָאךְ פַאל אִיךְ אַלְץ מֶער אוּן מֶער בַּיי דִי קְלִיפּוֹת.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, יֶעדְן טָאג הֵייבּ אִיךְ אָן פוּנְדָאסְנֵיי, אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, אוּן יֶעדְן טָאג פַאל אִיךְ צוּרִיק אִין דִי פְּגַם, דִי סִטְרָא אַחֲרָא וַוארְפְט מִיךְ פְרִישׁ אַרָאפּ, אִיךְ שְׁפִּיר בַּיי מִיר וִוי אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט קֵיין בְּחִירָה, עֶס לִיגְט נִישְׁט אִין מַיינֶע הֶענְט צוּ זַיין גוּט, אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין תֵּירוּץ, ווייל בֶּאֱמֶת לִיגְט עֶס יָא אִין מַיינֶע הֶענְט, אִיךְ הָאבּ אַ בְּחִירָה צוּ בּוֹחֵר זַיין בְּטוֹב, אָבֶער אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, דֶער יֵצֶר הָרָע צִינְדְט זִיךְ אָן אִין מִיר מִיט אַזַא פְּלַאם פֵייעֶר, עֶס בְּרֶענְט אִין מִיר אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת, בִּפְרַט תַּאֲווֹת נִיאוּף, בִּיז אִיךְ פַאל אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת, אִין פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה וְכוּ' וְכוּ', אוּן דָאס שְׁטוּפְּט אַוֶועק פוּן מִיר מַיין שִׁידוּךְ, וַוייל וִוי מֶער מֶען זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה - אַלְץ שְׁוֶוערֶער אִיז צוּ טְרֶעפְן דִי שִׁידוּךְ.

אִיךְ בֶּעט דִיר טַייעֶרֶער לִיבֶּער טַאטֶע, זָאג מִיר וָואס טוּ אִיךְ דָא וַוייטֶער, וואוּ גֵיי אִיךְ? וואוּ אַנְטְלוֹיף אִיךְ? עֶס אִיז מִיר אַזוֹי בִּיטֶער, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי פִינְסְטֶער, אִיךְ בִּין אַזוֹי דֶערְבִּיטֶערְט; בֶּעט אִיךְ דִיר מַאךְ מִיר אַ חֶסֶד, מַאךְ מִיר אַ נֵס, דֶערְבַּארֶעם זִיךְ אוֹיף מִיר אוּן אוֹיף אַלֶע בָּחוּרִים, גֶעבּ מִיר שׁוֹין מַיין שִׁידוּךְ אוּן גֶעבּ זֵיי אַלֶע זֵייעֶר שִׁידוּךְ בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע חֲנוּכָּה לֶעכְט

וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעצִינְדְן, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים הָאבְּן אוּנְז גֶעזָאגְט, אַז מֶען קֶען פּוֹעֶלְ'ן אַ שִׁידוּךְ בִּזְכוּת צִינְדְן דִי מְנוֹרָה, אוּן הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען זָאגְן הַלֵּל אַלֶע טֶעג פוּן חֲנוּכָּה מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אָמֵן סֶלָה".

טַייעֶרֶער ..., זָאג דִי תְּפִלָּה יֶעדֶע נַאכְט בַּיי דִי חֲנוּכָּה לֶעכְט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל צוּהֶערְן דַיינֶע תְּפִילּוֹת אוּן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן בְּקָרוֹב דַיין שִׁידוּךְ.

...

**"אֶלָּא לְהַדְלִיק יוֹם אֶחָד", טְרַאכְט פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, ווִילְיַאמְסְבּוּרְג**

מִיטְן רֶבִּינְ'ס הַקְדָּמוֹת קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּ' זַיין מִיט דִי גְמָרָא פוּן חֲנוּכָּה, (שַׁבָּת כא:): "תָּנוּ רַבָּנָן, מַאי חֲנוּכָּה"? חֲנוּכָּה אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן בַּאנֵייעֶן, פְּרֶעגְט דֶער מֶענְטְשׁ: מַאי חֲנוּכָּה, וִוי אַזוֹי בַּאנֵייט מֶען זִיךְ? "כְּשֶׁנִּכְנְסוּ הַיְּוָנִים בְּהֵיכָל", יְוָנִי"ם אִיז דִי טוּמְאָה, אוּן הֵיכַ"ל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ; אַז דִי יְוָנִי"ם, דִי טוּמְאָה - קוּמְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ, "טִמְּאוּ כָּל הַשְּׁמָנִים", שְׁמָנִי"ם דָאס אִיז דִי מַחֲשָׁבוֹת - אוּן אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת וֶוערְן טָמֵא; וֶוערְט שְׁוֶוער, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ בַּאנֵייעֶן?

זָאגְט דִי גְמָרָא: "כְּשֶׁגָּבְרָה מַלְכוּת בֵּית חַשְׁמוֹנָאִי וְנִצְּחוּם", קוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים אוּן זֵיי לֶערְנֶען אוּנְז מֶען זָאל זוּכְן אִין זִיךְ עֶפֶּעס גוּטְס, אֲפִילוּ נָאר אֵיין קְרִיגְל אוֹיל, דָאס מֵיינְט אֲפִילוּ נָאר אֵיין גוּטֶע מַחֲשָׁבָה, "שֶׁהָיָ' מֻנָּח בְּחוֹתָמוֹ שֶׁל כֹּהֵן גָּדוֹל", דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל דָאס אִיז דֶער צַדִּיק אֱמֶת וָואס עֶר שַׁיינְט אַרַיין אִין אוּנְז מִיר זָאלְן גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, אוּן עֶר לֶערְנְט אוּנְז, "וְלֹא הָיָ' בּוֹ לְהַדְלִיק אֶלָּא יוֹם אֶחָד", טְרַאכְט נִישְׁט פוּן מָארְגְן, טְרַאכְט נִישְׁט פוּן נֶעכְטְן, טְרַאכְט נָאר פוּן הַיינְט (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ער"ב), "נַעֲשָׂה בּוֹ נֵס", וֶועסְטוּ זֶען נָאכְדֶעם דִי נִיסִים

פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְהִדְלִיקוּ בּוֹ שְׁמוֹנֶה יָמִים", און אַלֶע אַכְט סְפִירוֹת וֶועלְן שַׁיינֶען און לַייכְטְן, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

הָעִקָּר שְׁטַארְק זִיךְ, טְרַאכְט נָאר פוּנֶעם "אֶלָּא לְהַדְלִיק יוֹם אֶחָד", טְרַאכְט פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, כַאפּ אַרוֹיס גוּטֶע זַאכְן פוּן הַיינְט, גֵיי אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דִי דְרַיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן, מִיט אַ סִידוּר. דַאוֶוען כְּסִדְרָן, שְׁנַייד נִישְׁט קֵיין שְׁטִיקְלֶעךְ, דַאוֶוען פוּן "אֲדוֹן עוֹלָם" בִּיז נָאךְ "עָלֵינוּ" כְּסִדְרָן, כַאפּ אַרוֹיס אָפָּאר פְּסוּקִים חוּמָשׁ, אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אַפָּאר שׁוּרוֹת גְמָרָא - וֶועט שׁוֹין וֶוערְן נִסִּים, דִי מְנוֹרָה וֶועט זִיךְ אָנְצִינְדְן און שַׁיינֶען און לַייכְטְן.

...

## דִי צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעהַאט שְׁרֶעקְלִיכֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ח כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט אִיז דִי יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזִיבּוּזְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דֶעם רֶבִּינְ'ס פֶעטֶער.

בַּיי דִי בְּרִית פוּן רֶבִּי'ן, וֶוען מֶען הָאט אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן דֶעם רֶבִּי'ן 'נַחְמָן', הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' בָּרוּכְ'ל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אָנְגֶערוּפְן: "'נַחְמָן', אוֹיף דֶעם וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ה, כט) 'זֶה יְנַחֲמֵנוּ מִמַּעֲשֵׂנוּ וּמֵעִצְּבוֹן יָדֵינוּ, מִן הָאֲדָמָה אֲשֶׁר אֵרְרָהּ ה'', און דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סַנְהֶדְרִין קיג:) אַז פוּן דֶעם פָּסוּק זֶעעֶן מִיר, וֶוען עֶס קוּמְט אַ צַדִּיק אוֹיף דִי וֶועלְט - 'טוֹבָה בָּא לְעוֹלָם'", און דֶעמָאלְט אִיז דִי מַאמֶע פוּן רֶבִּי'ן, דִי שְׁוֶועסְטֶער פוּן רֶבִּי ר' בָּרוּכְ'ל, צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִיר בְּרוּדֶער און אִים גֶעבֶּעטְן: "בָּרוּכְ'ל וִוינְטְשׁ אִים אָן מֶען זָאל נִישְׁט קְרִיגְן אוֹיף אִים", הָאט דֶער צַדִּיק רֶבִּי בָּרוּכְ'ל זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "פֵייגֶעלֶע דָאס קֶען נִישְׁט זַיין, עֶס אִיז פַארְפַאלְן, מֶען מוּז קְרִיגְן אוֹיף אִים" (קוּק נָאךְ דִי מַעֲשֶׂה אִין סֵפֶר פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, אוֹת כב); זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דִי נְשָׁמָה פוּן רֶבִּי'ן אִיז לְכַתְּחִילָּה אַזוֹי אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ז', מִזְבּוּב וְעַכָּבִישׁ), אַז פַאר זַיין

נְשָׁמָה אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם גֶעשְׁרִיגְן צוּם בֵּית דִּין שֶׁל מַעְלָה: "אוֹיבּ דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט, פַּארְוָואס הָאט מֶען מִיךְ בַּאשַׁאפְן?" הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי נְשָׁמָה מוּז אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, גֵיי זוּךְ דִיר אַן עֵצָה", אִיז עֶר אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען מִיט אַן אַלְטִיטְשְׁקֶער אַן אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶער, זֵיי הָאבְּן גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אַן עֵצָה, אוּן דִי נְשָׁמָה קֶען שׁוֹין אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט.

עֶס אִיז דָא אַסַאךְ צוּ דֶערְצֵיילְן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק, דֶער עִיקָר וָואס מִיר דַארְפְן זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען אוֹיף לְמַעֲשֶׂה, אִיז זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן. דִי צַדִיקִים הָאבְּן גֶעהַאט שְׁרֶעקְלִיכֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן נָאר צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען. אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט אַמָאל בַּיי אַ שְׁמוּעֶס מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַז מֶען דַארְף זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת וַוייל אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת; אִינְמִיטְן רֶעדְן הָאט עֶר זִיךְ צוּפֵייעֶרְט אוּן גֶעזָאגְט: "פַארְוָואס אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי גֶעוֶוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְקוּת, פַארְוָואס אִיז דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ גֶעוֶוען דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְקוּת, פַארְוָואס אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ גֶעוֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְקוּת, פַארְוָואס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְקוּת, אוּן פַארְוָואס בִּין אִיךְ וָואס אִיךְ בִּין? וַוייל אִיךְ הָאבּ דִי מָאס הִתְחַזְקוּת"; וַוייל אוֹיף אַלֶע צַדִיקִים אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן - זֶענֶען זֵיי צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַלֶע צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט ווִי מֶען דַארְף זֵיי נִישְׁט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ט כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שׁוֹין לַאנְגֶע יָארְן, שׁוֹין אִיבֶּער צְוָואנְצִיג יָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי זְכִיָּ' צוּ זִיצְן מִיט תַּלְמִידִים, בְּנֵי הַנְּעוּרִים, קִינְדֶער, בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט, אוּן אַלֶע הָאבְּן דֶעם טָעוּת, מַמָּשׁ אַלֶע לִיגְן אִין דִי טָעוּת אַז פַּאר דִי צַדִּיקִים אִיז גֶעגַאנְגֶען גְרִינְג אוּן גוּט, אוּן נָאר מִיר דַארְפְן זִיךְ מוּטְשֶׁען, וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט וָואר, עֶס אִיז פַּארְקֶערְט; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוּכָּה נב.): "כָּל הַגָּדוֹל מֵחֲבֵירוֹ יִצְרוֹ גָּדוֹל הֵימֶנּוּ", וִוי גְרֶעסֶער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז - אַלְץ אַ גְרֶעסֶערֶע יֵצֶר הָרַע הָאט עֶר; אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט וִוי שְׁוֶוער אִים אִיז גֶעגַאנְגֶען, דִי בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, אוּן דִי גְרֶעסְטֶע נִסָּיוֹן אִיז אִים גֶעוֶוען אַז עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, וִוי מֶען שְׁטוּפְּט אִים אַוֶועק.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן יב): "הָיָה נִדְמֶה לוֹ תָּמִיד שֶׁאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל וְאֵין שׁוֹמְעִין לוֹ כְּלָל", וֶוען עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אִים שְׁטֶענְדִיג גֶעדַאכְט אַז מֶען הֶערְט נִישְׁט אוֹיס אוֹיבְן אִין הִימְל וָואס עֶר בֶּעט אוּן אַז קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אִים, "רַק אַדְּרַבָּה, נִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מֵעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּכָל מִינֵי הַרְחָקוֹת וּכְאִלּוּ אֵין רוֹצִין בּוֹ כְּלָל וּכְלָל", פַּארְקֶערְט, וִוי מֶער עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אִים אַלְץ מֶער גֶעדַאכְט וִוי מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, "כִּי הָיָה רוֹאֶה שֶׁחוֹלְפִין וְעוֹבְרִין כַּמָּה וְכַמָּה יָמִים וְשָׁנִים וַעֲדַיִן הוּא רָחוֹק מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְלֹא זָכָה עֲדַיִן לְשׁוּם הִתְקָרְבוּת", וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַסַאךְ יָארְן אוּן עֶר הָאט נָאכְאַלְץ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "עַל כֵּן נִדְמָה בְּעֵינָיו שֶׁאֵין שׁוֹמְעִין דְּבָרָיו כְּלָל, וְאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל, רַק אַדְּרַבָּא, מַרְחִיקִין אוֹתוֹ בְּכָל מִינֵי הִתְרַחֲקוּת מֵעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ", דֶערְפַאר הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, אַדְּרַבָּה עֶס הָאט אִים אוֹיסְגֶעזֶען וִוי מֶען שְׁטוּפְּט אִים אַוֶועק פוּן דִי קְדוּשָּׁה, "אַךְ אַף עַל פִּי כֵן הָיָה מְחַזֵּק עַצְמוֹ מְאֹד, וְלֹא הִנִּיחַ אֶת מְקוֹמוֹ", מִיט דֶעם

אַלֶעם הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט און נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

"וְכַמָּה פְּעָמִים הָיָה שֶׁהָיָה נוֹפֵל בְּדַעְתּוֹ מֵחֲמַת זֶה שֶׁרָאָה שֶׁהוּא מִתְפַּלֵּל וּמַעְתִּיר וּמַפְצִיר כָּל כָּךְ שֶׁיִּתְקָרֵב לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל, וּמֵחֲמַת זֶה נָפַל לִפְעָמִים בְּדַעְתּוֹ וְלֹא הָיָה מְדַבֵּר עוֹד כָּל כָּךְ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ אֵיזֶה יָמִים", אַסַאךְ מָאל הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט בַּיים רֶבִּי'ן אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, זֶעעֶנְדִיג אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַזוֹי סַאךְ גֶעדַאוֶונְט און גֶעבֶּעטְן, אָבֶּער עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, און עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, "אַחַר כָּךְ נִזְכַּר בְּעַצְמוֹ וְהִתְבַּיֵּשׁ בְּעַצְמוֹ עַל שֶׁהִרְהֵר אַחַר מִדּוֹתָיו יִתְבָּרַךְ, כִּי בֶּאֱמֶת בְּוַדַּאי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ חַנּוּן וְרַחוּם וְכוּ', וּבְוַדַּאי הוּא רוֹצֶה לְקָרְבוֹ וְכוּ', וְחָזַר וְנִתְחַזֵּק בְּדַעְתּוֹ וְהִתְחִיל שׁוּב לְהַעְתִּיר וּלְדַבֵּר לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כַּנַּ"ל", בִּיז עֶר הָאט זִיךְ גֶעכַאפְּט וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן און עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט אַז עֶר הָאט נָאכְגֶעלָאזְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, הָאט עֶר צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְכֵן הָיָה כַּמָּה פְּעָמִים", אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ מָאל, עַיֵּין שָׁם.

הַיינְט אִיז דִי יָארְצַייט פוּן מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, [רֶבִּי דוֹב בֶּער בֶּן רֶבִּי אַבְרָהָם]; וָואלְסְטוּ גֶעוואוּסְט וָואס פַאר אַ יְסוּרִים דֶער צַדִּיק אִיז אַרִיבֶּער אִין לֶעבְּן, וָואס פַאר אַן עֲנִיּוּת, און יְסוּרִים אוֹיף דִי פִּיס עֶר הָאט גֶעלִיטְן - וָואלְסְטוּ נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין ווִי אַזוֹי עֶר הָאט דָאס גֶעקֶענְט אַרִיבֶּערְגֵיין. אוֹיךְ אִיז הַיינְט דִי טָאג וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַרוֹיס פוּן תְּפִיסָה; וָואס דִי צַדִּיקִים זֶענֶען אַרִיבֶּער אִין זֵייעֶר לֶעבְּן, וָואס פַאר אַ רְדִיפוֹת... און דָאךְ זֶענֶען זֵיי שְׁטֶענְדִיג גֶעלָאפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס דַארְפְן מִיר זִיךְ לֶערְנֶען פוּן זֵיי אוֹיף לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה, נִישְׁט צֶעפַאלְן וֶוערְן וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דו קֶענְסְט אוֹיךְ זַיין אַ צַדִּיק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

ווילְסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד? ווילְסְט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ צַדִּיק? דוּ טְרַאכְטְסְט עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ פַאר דִיר, ווייל דִי צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעפַאסְט אוּן זִיךְ מְסַגֵּף גֶעוֶוען, אוּן דַיין קֶערְפֶּער קֶען דָאס נִישְׁט דֶערְהֵייבְּן, דוּ ווילְסְט עֶסְן אוּן שְׁלָאפְן וְכוּ' וְכוּ'; ווייסְן זָאלְסְטוּ אַז מֶען דַארְף נִישְׁט פַאסְטְן צוּ זַיין אַ צַדִּיק, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט מְסַגֵּף זַיין צוּ זַיין אַ צַדִּיק, מֶען דַארְף נָאר פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וָואס הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט צוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִי אַנְדֶערֶע זִיסֶע עֵצוֹת.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ גְרִינְגֶע וֶועג ווי אַזוֹי מִיר זָאלְן קֶענֶען נָאנְט ווערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַמָאל הָאט מֶען גֶעדַארְפְט טוּן שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת צוּ קֶענֶען זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הָאט גֶעדַארְפְט פַאסְטְן אוּן זִיךְ מְסַגֵּף זַיין וְכוּ' וְכוּ' - בִּיז מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ אוֹיפְצוּהֵייבְּן אַבִּיסְל פוּן דִי וועלְט אוּן וֶוערְן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כה): "הַתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל", אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן זַיין הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז בַּאקֶוֶועם צוּ רֶעדְן, כְּדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, אַזוֹי ווי מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ נָאנְטֶער חָבֵר, אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, אַלֶע זַאכְן וָואס מֶען טוּט אוּן אַלֶע מַעֲשִׂים אוּן מַחֲשָׁבוֹת אִין וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט אִים אַרָאפּ; דָאס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל וֶוערְן זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הַיינְט אִיז דִי יָארְצַייט פוּן ר' אֵלִיָּהוּ חַיִּים רוֹזִין זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען בַּאגְלֵייטְן אִין מִקְוֶה רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן אִין יָאר תרע"ה, אוֹיפְן וֶועג אַרוֹיס פוּן מִקְוֶה זָאגְט אִים רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן: "אִין פוּפְצִיג יָאר אַרוּם וֶועט קוּמֶען אַ אִינְגֶערְמַאן אוּן עֶר וֶועט דְרוּקְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן עֶר וֶועט מַאכְן פוּן רֶבִּינְ'ס זַאךְ נֵייעֶ זַאכְן", אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן גֶעזָאגְט פַאר ר' אֵלִיָּהוּ חַיִּים: "אוּן דוּ וֶועסְט אִים נָאךְ קֶענֶען"; אוּן וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ אִיז

גֶעפָארְן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן ר' אֵלִיָּהוּ חַיִּים וָואס הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אוּן מְחַזֵּק גֶעוֶוען אַז פוּן תרע"ה בִּיז תשכ"ה אִיז פִּינְקְט פוּפְצִיג יָאר, אוּן עֶר הָאט מְחַזֵּק גֶעוֶוען מוֹהֲרָא"שׁ עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן מַאכְן פוּן דִי לֵצִים וָואס הָאבְן אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי גְרוֹיסֶע מַחְלֹקֶת וְכוּ' וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שׁוֹין צַייט אָפְּצוּלָאזְן דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"א כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, לָאז זִיךְ נִישְׁט פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם וָואס ווִיל נָאר אֵיין זַאךְ, עֶר ווִיל דִיךְ צֶעהַאקְן אוּן צֶעשְׁנַיידְן, לָאז זִיךְ נִישְׁט פוּן אִים, כַאפּ זִיךְ אָן אִין רֶבִּי'ן, דֶער יֵצֶר הָרָע ווִיל נָאר אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג אוּן אַרַיינְפַאלְן אִין אַ טִיפֶע דֶעפְּרֶעסְיֶע, דָאס אִיז זַיין גַאנְצֶע צִיל וָואס עֶר ווִיל עֶרְרֵייכְן וֶוען עֶר וַוארְפְט אַרָאפּ אַ מֶענְטְשׁ אִין עֲבֵירוֹת - אִים אַרַיינְוַוארְפְן אִין אַ קַטְנוּת הַדַּעַת, אִין עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח): "עַצְבוּת הִיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שׂוֹנֵא אוֹתָהּ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז דֶעפְּרֶעסְט אִיז עֶר אִין דִי הֶענְט פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַיינְט וֶוען מֶען אִיז דֶעפְּרֶעסְט.

שְׁטַארְק זִיךְ, טוּ אַלֶעס צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן אוֹיבּ דוּ הָאסְט אַזוֹי שְׁטַארְק מְקַלְקֵל גֶעוֶוען זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז מֶען קֶען פַארְרֶעכְטְן אוּן מַאכְן פוּן אַלֶע קִלְקוּלִים - תִּיקוּנִים, אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה וֶוערְן פוּן דִי עֲבֵירוֹת - זְכֻיּוֹת; גֵיי אִין אַ ווִינְקֶל אוּן וֵויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיךְ אֵיידֶער דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן, דוּ לִיגְסְט שׁוֹין אִין בֶּעט - זָאלְסְטוּ זִיךְ אִיבֶּערְדֶעקְן מִיט דִי דֶעקֶע אוּן זָאגְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף דִי אַלֶע נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, זֵיי מִיר מוֹחֵל"; וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר מוֹחֵל זַיין אוּן עֶס וֶועלְן וֶוערְן פוּן אַלֶע זְדוֹנוֹת - זְכֻיּוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר דוּ זָאלְסְט שׁוֹין אָפְּלָאזְן דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, פָּאלְג דֶעם רֶבִּי'ן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כה): "כָּל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם", אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן קְרֶענְק וָואס קוּמֶען אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, "כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", קוּמְט פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה. "וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים הֶאֱרִיכוּ בָּזֶה", אוֹיךְ דִי דָאקְטוֹירִים זָאגְן דָאס, "שֶׁכָּל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", אַז אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן קְרֶענְק קוּמֶען פוּן נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ; דֶערִיבֶּער הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז אַזוֹיפִיל מָאל גֶעזָאגְט אוּן גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעוָוארְנְט מִיר זָאלְן זַיין פְרֵיילִיךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הֵייבְּט אָן דֶעם תּוֹרָה: "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, "וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ", אוּן זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אַוֶועק צוּ נֶעמֶען פוּן זִיךְ דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, וַוייל שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ נֶעמְט עֶר אַוֶועק פוּן זִיךְ אַלֶע צָרוֹת אוּן יְסוּרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וואוּ דַארְף מֶען זַיין שַׁבָּת חֲנוּכָּה?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב, כ"ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶעם שַׁבָּת זָאלְסְטוּ זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (יִתְרוֹ פח.): "כָּל בִּרְכָאן דִּלְעֵילָּא וְתַתָּא בְּיוֹמָא שְׁבִיעָאָה תַּלְיָין", אַלֶע בְּרָכוֹת פוּן דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ - אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִינֶעם שַׁבָּת; קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אִיז חֲנוּכָּה, מֶען גֵייט זוֹכֶה זַיין צוּ צִינְדְן דִי הֵיילִיגֶע מְנוֹרָה; זָאלְסְטוּ שׁוֹין דֶעם שַׁבָּת זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע קְדֻשּׁוֹת פוּן חֲנוּכָּה.

אִיךְ זֶע עֶס וֶוערְט אַ צֶעמִישֶׁענִישׁ וואוּ מֶען דַארְף זַיין שַׁבָּת חֲנוּכָּה וְכוּ';

ווִיל אִיךְ דִיר דָאס קְלָאר מַאכְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים דְרַיי מָאל אַ יָאר: רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבָּת חֲנוּכָּה אוּן שָׁבוּעוֹת, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים אִין דִי דְרַיי זְמַנִּים וֶועט גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן עוֹלָם הַתֹּהוּ, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען בְּחַיִּים חַיּוּתוֹ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶעמָאלְט הָאט מֶען גֶעדַארְפְט קוּמֶען צוּ אִים דִי דְרַיי צַייטְן, אוּן מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִי הֵיילִיגְקֵייטְן, אָבֶּער הַיינְטִיגֶע טֶעג, נָאכְן רֶבִּינְ'ס הִסְתַּלְּקוּת - אִיז נִישְׁטָא אַ גֶעווִיסֶע פְּלַאץ וואוּ מֶען דַארְף זַיין דִי דְרַיי זְמַנִּים, נָאר וואוּ אִימֶער עֶס זֶענֶען דָא אַ מִנְיָן אִידְן וָואס גְלֵייבְּן אִין רֶבִּי'ן אוּן לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים - אִיז דָארְט גוּט צוּ זַיין אִין דִי דְרַיי זְמַנִּים; אוֹיסֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען יָא קוּמֶען קַיין אוּמַאן, וַוייל אַזוֹי הָאט מוֹהַרְנַ"תּ גֶעזָאגְט, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן רֶבִּי'ן אַז קוּמֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ אִים גֵייט אוֹיךְ אָן נָאכְן הִסְתַּלְּקוּת, אוּן קֵיינֶער קֶען נִישְׁט קְרִיגְן אוֹיף דֶעם, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט זָאגְן פְּשָׁטִים אִין דֶעם, וַוייל קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם רֶבִּי'ן אוֹיסֶער רֶבִּי נָתָן; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט מִיר נִישְׁט, נָאר רֶבִּי נָתָן, אוּן זַיין חַבֵר רֶבִּי נַפְתָּלִי - אַבִּיסְל"; (דִי שִׂיחָה אַלֵיינְס דַארְף מֶען אוֹיךְ ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט מֶען לֵייגְט אַ פִּינְטְל אִינְדֶערְמִיט, אַז דִי לֶעצְטֶע וָוארְט - אַבִּיסְל - דָאס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אוֹיף רֶבִּי נַפְתָּלִי), אוּן אַז רֶבִּי נָתָן זָאגְט אַז דֶער רֶבִּי - וֶוען עֶר הָאט גֶערֶעדְט פוּן מַעֲלוֹת לָבוֹא אֵלָיו לְרֹאשׁ הַשָּׁנָה, פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - מֵיינְט עֶר אוֹיסְדְרוּקְלִיךְ אַז אוֹיךְ נָאכְן הִסְתַּלְּקוּת זָאל מֶען קוּמֶען אוֹיסְדְרוּקְלִיךְ קַיין אוּמַאן - קֶען קֵיינֶער נִישְׁט קְרִיגְן אוֹיף דֶעם, אוּן אֲפִילוּ עֶס זָאלְן קוּמֶען לַמְדָנִים, גְאוֹנִים, מְקֻבָּלִים, בַּאבַּאס אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, וָואס וֶועלְן זָאגְן אַז מֶען דַארְף בְּלַייבְּן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִין יְרוּשָׁלַיִם, אִין מִירוֹן אָדֶער וֵוייס אִיךְ וואוּ - וֶועלְן מִיר וַוייטֶער פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַזוֹי ווִי מוֹהַרְנַ"תּ הָאט גֶעזָאגְט, אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְדְרֵייעֶן אוּן נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין וִיכּוּחִים מִיט דִי וָואס זוּכְן צוּ פַארְדְרֵייעֶן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער אַזוֹי ווִי רֶבִּי נָתָן הָאט פַארְשְׁטַאנֶען.

קֵיינֶער קֶען נִישְׁט זָאגְן אַנְדֶערְשׁ אִין רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער פוּן וָואס מוֹהַרְנַ"תּ

הָאט גֶעזָאגְט, וַוייל אָן אִים וֶוייסְן מִיר בִּכְלַל נִישְׁט פוּן רֶבִּי׳ן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שע) : "מֶען דַארְף דַאנְקֶען רֶבִּי נָתָן, וַוייל אָן אִים וָואלְט נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן פוּן מִיר קֵיין אֵיין שֵׁמוֹת בְּלֶעטְל" ; אוּן וֶועם עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ פָאהְרְן קַיין אוּמַאן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל דִי וַוייבּ זַיינֶע צֶעבַּייסְט אִים אוּן צֶעגְרַאדְזְשֶׁעט אִים וְכוּ׳ וְכוּ׳ אוֹיבּ עֶר פָאהְרְט אַוֶועק רֹאשׁ הַשָּׁנָה פוּן שְׁטוּבּ, זָאל עֶר זָאגְן דֶעם אֱמֶת, ׳עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ פָאהְרְן וַוייל מַיין וַוייבּ צֶעבְּלוּטִיגְט מִיךְ וְכוּ׳ וְכוּ׳׳, אוּן נִישְׁט גוֹרֵם זַיין צוּ פַארְמִינֶערְן דִי קִיבּוּץ בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס אִין דֶעם אִיז תָּלוּי דִי גְאוּלָה, אוּן וֶוער עֶס הָאט מוֹרָא צוּ פָאהְרְן מִיט אַ פְלִיגֶער, עֶר הָאט פַּחַד גְּבוֹהִים, עֶר הָאט אַ פַּחַד אַז דִי פְלִיגֶער וֶועט אַרָאפְּפַאלְן, זָאל זָאגְן דֶעם אֱמֶת פַארְוָואס עֶר פָאהְרְט נִישְׁט קַיין אוּמַאן, אוּן נִישְׁט פַארְנַארְן מֶענְטְשְׁן אַז מֶען דַארְף נִישְׁט פָאהְרְן.

מִיר הָאבְּן גֶעזֶען בַּיי מוֹהֲרָא״שׁ אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקְרִיגְט מִיט קֵיינֶעם, נִישְׁט גֶערֶעדְט פוּן קֵיינֶעם, עֶר הָאט נָאר גֶערֶעדְט פוּן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת, אָבֶּער אוֹיבּ הָאט אֵיינֶער זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט קֶעגְן פָאהְרְן אוֹיף אוּמַאן, הָאט מוֹהֲרָא״שׁ יֶענֶעם נִישְׁט פַארְשְׁוִויגְן, אוּן אִין דִי לֶעצְטֶע צֶען יָאר פוּן מוֹהֲרָא״שְׁ׳ס לֶעבְּן, וֶוען אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען מְקוֹרָב צוּ וֶוערְן, הָאבּ אִיךְ מִיט גֶעהַאלְטְן עֶטְלִיכֶע מָאל וִוי מוֹהֲרָא״שׁ הָאט עֶס גֶענוּמֶען מַמָּשׁ צוּם הַארְצְן ; וֶוען אֵיינֶער הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט קֶעגְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס קִיבּוּץ אִין אוּמַאן הָאט מוֹהֲרָא״שׁ דָאס נִישְׁט פַארְשְׁוִויגְן, וַוייל קֵיינֶער קֶען נִישְׁט זָאגְן אַנְדֶערְשׁ פוּן רֶבִּי׳ן וִוי רֶבִּי נָתָן הָאט פַארְשְׁטַאנֶען, אוּן מִיר וֶועלְן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ פָאהְרְן צוּם רֶבִּי׳ן מִיט דִי קִינְדֶער אַלֶע יָארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דָאס אַלֶעס אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער שַׁבָּת חֲנוּכָּה הָאט מוֹהֲרָא״שׁ אוּנְז מַזְהִיר גֶעוֶוען נִישְׁט צוּ פָאהְרְן קַיין אוּמַאן, וַוייל מֶען דַארְף זַיין אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער, עֶס אִיז אַ צַייט פוּן חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט אַז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּרֶעם וָואס אִיז דָא הַיינְט בַּיי בְּרֶסְלֶב׳עֶ חֲסִידִים אִיבֶּער פָאהְרְן שַׁבָּת חֲנוּכָּה - דָאס קוּמְט פוּן דִי טְרֶעוֶועל אַגֶענְטְן וָואס זוּכְן צוּ לֵייזְן אַפָּאר דָאלֶער וְכוּ׳, מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט אוּנְז זֵייעֶר וָוארֶענֶען צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ חֲנוּכָּה ; אוֹיסֶער דִי וָואס הָאבְּן נִישְׁט קֵיין קִינְדֶער וְכוּ׳, דִי קֶענֶען אַלֶץ פָאהְרְן, עֶס פֶעלְט

נִישְׁט אוֹיס עֶס זָאל זַיין שַׁבָּת חֲנוּכָּה, אָבֶּער אַז זֵיי וִוילְן דַוְקָא זַיין שַׁבָּת חֲנוּכָּה - אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אָבֶּער אַ טַאטֶע פוּן קִינְדֶער דַארְף זַיין אִין שְׁטוּב, זִינְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער אוּן דֶערְצֵיילְן דִי נִיסִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי קִינְדֶער.

וּבְנוֹגֵעַ שַׁבָּת חֲנוּכָּה וואו צו זַיין; דַארְפְסְט זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן שַׁבָּת חֲנוּכָּה אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ גֵיי אַהִין צוּלִיבּ מַיינֶע טַעֲמִים וָואס אִיךְ הָאבּ, דָאס הָאט נִישְׁט מִיט דִיר, דוּ זָאלְסְט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה. דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זֶען דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זַיין אִין עוֹלָם הַתֹּהוּ דָא בָּזֶה הָעוֹלָם, זֶע צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה, אוּן אַז דוּ קֶענְסְט דַאוֶוענֶען מִיט אַ מִנְיָן וָואס גְלֵייבְּן אִין רֶבִּי׳ן - וֶועסְטוּ דָארְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

# מהדורת לעווי

**הספר הקדוש הזה נתנדב לזכות**

מוה"ר **אשר לעווי** הי"ו

וזוגתו **שרה** תחי'

**לזכות הבן הנולד להם למזל טוב**

**ולזכות שמחת ההאלאקע לבנם למזל טוב**

יה"ר שהוריו יזכו להכניסו בבריתו של אברהם
אבינו עליו השלום בעתו ובזמנו, וירוו ממנו ומכל
יוצא חלציהם, רב נחת ותענוג דקדושה.

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן
וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון